274

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 433) נײַן און צוואנציקסטן יאר יאנואר 1968 לאנדאן

## א י נ ה א ל ט :

1968 — דאס 25׳סטע יאר פוןווארשעווער געטא זויפשטאנט, 3 סטראפעס
געצייטיקטע גראמען פון א גלות־ייד ............ ** 1
דער דיכטער (דערציילונג) ............ סאמערסעט מאהם 10
אונזער זקן (ליד) ............ עלע זילבערג 14
די אכטע פרינצעסין (המארעסקע) ............ משה בעקערמאן 15
דער נאמען (ליד) ............ יוסף לעפטוויטש 17
די מלינא (פראזע) ............ א. נ. שטענצל 17
דעם כעלעמער חקרנס חכמה (עסיי) ............ י. ריכטיגער 26
יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן ............ ח. בענקוויטש 30
די לעצטע רויז (ליד) ............ שמואל וואהייט 32
א בחור׳ס ניגון (ליד) ............ דוד בערמאן 32
פרינץ ראובני (רעצענזיע) ............ עלען ווינאגראד 33
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

ווײכטיק צו וויסן

די עפנטלעכע ביבליאטעקן אין בארנעט („בארנעט פאבליק לייברעריס“), צפון לאנדאן, האבן איצט א סעריע פון אן ערך הונדערט יידישע ביכער אויף די פאליצעס אין זייער צענטראלער ביבליאטעק, דהי׳ בארראוס, הענדאן. מיר צווייפלען נישט, אז אויב די יידישע עפנטלעכקייט וועט ארויסווייזן דעם געהעריקן אינטערעס, וועט מען פיל פארגרעסערן אט די סעריע יידישע ביכער.

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת, דעם 9׳טן פעברואר — א שבת־שירה־פראגראם — סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד זינגען יידישע פאלקס לידער.

שבת, דעם 16׳טן — י. א. ליסקי דערציילן זיינע איינדרוקן פון ישראל.

שבת, דעם 29׳סטן — יעקב ריכטיגער: משנכנס אדר מרבין בשמחה.

שבת, דעם 23׳סטן — סעם לעף: די פאליטישע סיטואציע אין דער וועלט.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
LC. 1035/18
No:- 5.8303 870

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 433) נײַן און צוואנציקסטן יאר יאנואר 1968 לאנדאן

## 1968 — דאס 25׳סטע יאר פון ווארשעווער געטא - אויפשטאנד

האט גאט גענומען די ערד אין זיין האנט אריין,
„ויכלו השמים והארץ״ צו זאגן;
האט עפעס גענומען אין אים אזוינס צו קלאגן,
אז דער בעכער פול געווארן איז מיט זיין געוויין.

אין זיינע אויגן די צוויי מענטשעלעך אזוי קליין,
זע, זיי וועלן זיך קיינמאל נישט קענען פארטראגן;
ביז בלוט זיי וועלן זיך לעולם־ועד שלאגן,
און זייער בלוט אינם כוס וועט רויט פונקלען דער וויין.

אט אזוי אין די גאנצע וועלט פערטיק געווארן!
אריינקומענדיק אין זיין גרימיק גרויסן צארן,
האט ער זיינע הענט אראפגעלאזן און געזאגט: „גענוג״!!!

ווי גרויס געמוזט זיין זיין גענאד, זיך איינצוהאלטן,
ווען דעם ערד־גלאב, דעמלט, אין זיינע הענט געהאלטן,
אין אים נישט צעקוועטשט, ווי מען צעקוועטשט אן ערדענעם קרוג.

* * *

די האק איז שוין אויפגעהויבן,
און אין מיטן שטעקט שוין דער קלין;
ס׳איז די ערד, וואס מ׳גייט איצט שפאלטן,
און מיר זיינען דער קלין דערין.

ווען ס׳וועט פאלן די האק, וועט זיך
אין צווייען טיילן אונזער ערד;
אבער דער קלין וועט גאנץ בלייבן,
נאך א קלאפ פאר אים וואסער ווערט —

ס׳איז נאר די רגע ווען די האק,
פאר די אויגן זיך ווילד צעבליצט!
ווען גאט גערונדיקט דעם ערד־באל,
אויך דעמלט באלד דעם קלין געשפיצט:

אז א זין האבן דער באשאף,
נישט זיך דרייען סתם אזוי זיך,

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

נ. רובין, סעקרעטער פון פריינט יידיש לשון, רעציטאטאר און פארלעזער ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס, האט אדורכגעמאכט א קראנקייט. מיר האפן, אז ער וועט באלד זיין גאנץ געזונט און ווייטער קאנען אנגיין מיט זיין וויכטיקער ארבעט.

ביי די שבת נאכמיטאגס איז געפייערט געווארן דאס זיבציקסטע יאר פונם גרונדן דעם בונד. עס האב זיך באטייליקט סעם לעוו, מאיר באגדאנסקי א.א.

ביי די שבת נאכמיטאג איז געפייערט געווארן דעם 60׳סטער געבוירן יאר פון די ביראבידזשאנער דיכטערין ליובא וואסערמאן. מ׳האט גערעדט איבער שאפן און געליינט אירע לידער.

ביי דער לעבעדיקער צייטונג פארגאנגענעם חודש איינגעארדנט פון שרייבער־פעראיין און וועלט־קאנגרעס, האבן גערעדט: איבער גרעצ׳ס 150־טן געבוירניאר — דר. מאיר גערטנער; דער יידישער לעגיאר 50 יאר — מ. מיכלזאן. בער באראכאוו צו זיין 50־טן יארצייט — חיים פינער. די יידישע טעלעגראפן אגענטור 50 יאר — דער רעדאקטאר יוסף פרענקל.

אויפן באזוך פון עטא טאפאל און מארק מארקאוו אין לאנדאן איז מארק מארקאוו געווען דער ערנגאסט ביי די יידיש־ליטראַרישע שבת־נאכמיטאגס, נאך די באגריסונגען און פון שרייבער אין פריינט האט מארק מארקאוויטש מיט גרויס־באגייסטעציילט פון זייער באזוך אין ארץ־ישראל.

עטא טאפאל האט ליידער נישט געקאנט קומען, ווייל זי איז קראנק געווארן און געמוזט בלייבן אין האטעל, מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה און האפן אז זי איז מיט איר מאן אהיימגעפורן בשלום.

צום אלוועלטלעכן יידישן זשורנאל׳סט־קאנגרעס וואס קומט פאר אין ירושלים צווישן דעם 12טן און 19טן פעברואר פאר פון לאנדאן — די רעדאקטארן פון די ענגלישע יידישע צייטונג, יוסף פרענקל און א. נ. שטענצל.

משה בעקערמאן פארט דעם חודשן אפ קיין פראנקרייך אויף א לענגערן באזוך

יעקב ריכטיקער האט ביי די שבת נאכמיטאגס געהאלטן א פרטראג איבער זיין באזוך אין אמעריקע.

מיר ווינטשן אונזער פריינט ח. נ. בענקוויטש וואס פייערט דעם חודש זיין 85׳טן געבוירן יאר געזונטע גוטע יארן עד מאה ועשרים.

י. א. ליסקי האט ביי שבת נאכמיטאגס געהאלטן א פארטראג איבער זיין באזוך אין ישראל.

די קולטור־געזעלשאפט האט ארויסגעלאזן א „פעסט שריפט״ אין יידיש אין ענגליש צום 75 געבוירן יאר פון יוסף לעפטוויטש.

אין אונזער באריכט צו דער פייערונג פון לעפטוויטש יובל איז ארויסגעפלן דעם נאמען פון א האלאנד וואס האט באגריסט אין נאמען פון ארבעטערינג. אין באריכט צו אש׳ס צענטער יארצייט, איז ארויסגעפאלן דעם נאמען פון יוסף לעפטוויטש.

דא באקאנטע ארטיארן פארל סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד זיינען צוריק געקומען פון זייער באזוך אין אמעריקע ווו זיי האבן אויפגעטרעטן מיט גרויס דערפאלג. זיי זיינען אויפגענומען געווארן ביי די שבת נאכמיטאגס מיט א ברוך הבא ווו די מאדאם ווינאגראד האט געהאלטן א רעפעראט איבער די יידישע טעאטער אין אמעריקע. שבת דעם 10׳טן פעברואר טרעטן אויף סעם גאלדבערג און ביי די שבת נאכמיטאגס מיט א פריילעכן פראגראם.

ביי דער צוויי־יאריקער קאנפערענץ פון יידישן וועלט־קאנגרעס האט דר. מאיר גערטנער געהאלטן דעם פארטראג איבער יידישער קולטור. עס האבן נאך גערעדט יוסף פרענקל א.א.

צבי בערנשטיין געפינט זיך אין שפיטאל מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

די דיכטערין עלא זילבער איז געפארן אויף א באזוך קיין ישראל.

דאס „מעשה־בוך״ איבערגעדעגירט אין מאדערנעם יידיש פון דר. יעקב מייטליס דערשיינט בקרוב צווישן די „מייסטער־ווערק פון דער יידישער ליטעראטור.

דער טריסקער רבי שליט״א הרב ר׳ יעקב ארי׳ טווערסקי איז דא אין לאנדאן אויף א באזוך פון ישראל. ער איז געקומען אויף דער בר־מצוה פון זיין איניקל דער זון פון הרב ר׳ חיים טוועסקי. מיר זאגן דעם חשוב גאסט דעם בארימטן רבין א באכם לשלום.

נאר אלץ זאל גיין מיט א סדר,
ביז קומען די טעג פון משיח.

* * *

ווען נישט דאס וואס געשען, געשען איז,
די דייטשן געהאט די אטאמם־באמבע,
און ס׳וואלט אצינד שוין געוועזן,
די גארע ערד — איין קאטאקאמבע!

וואלטן זיי דען געקענט אזוי זיך שפילן,
מיט אלע געוואלטן, זיך איינהאלטן?
דאס הערן־פאלק מיט זייער ווילד געהייל:
„הייל! הייל״! אדער ערד צעפיצלען צעשפאלטן!

נישט פול קדושים־קברים די ערד וואלט געווען —
גאנצע פעלקער לעבעדיק באגראבן!
אצינד אפשר דאך נאך (נאר אפשר),
א שטיקל האפנונג מ׳קאן נאך האבן.

ס׳שפילן צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאלק און פאלק,
ווי צווישן חיות, ווי שיין ס׳קאן ווערן;
און ווי רציחיש און ווי רויט־בלוטיק,
זיך שפאלטן די ערד — א ים־סוף פון טרערן.

### אין פחדימדיקע נעכט

מען גרייט זיך שוין צו, אין דער לעצטער מינוט,
אויף לבנה, אויף דער ווענוס־זיך צו רעטן,
ווען די אטאם־באמבעס מען וועט ווארפן,
דעם ערד־גלאב ווי א הוילן קאפ צו פלעטן.

קיין טפח ערד עס וועט נישט איבערבלייבן,
פון דער גארער ערד, קיין איין טפח קיין גאנצער;
איין קאסמאנאוט וועט אבער דאך געלינגען,
אין ספייס אפצופליען אין זיין קאפסול־פאנצער.

א פלאש מענטשן־זוימען מיט זיך מיט נעמען,
פון מענטשן־מין א זכר ס׳זאל איבערבלייבן;
אזויפיל מיליאנען פלאנעטן, פיקסשטערן,
סוף כל סוף ערגעץ־ווו וועט ער זיך דערקלייבן.

דער ליבע־גאט ווענוס, פארליבטע לבנה,
פון געראטעוועטן ביסל מענטשן־זוימען,
דעם נייעם בן־אדם זיי וועלן אויסבריען,
אויבן אין די קאסמאס־און גלגלים־רוימען.



א, וועלן זיך דאס אויספיקן ברואימלעך,
אויסטערליש־ווונדערלעכע — א טיפ גאר זעלטן!
און ווי זייערע אבות דעם ערד קיילעך,
ז׳וועלן חרוב מאכן אויך אויבן די וועלטן.

**א.**

אז מ׳ווערט אויסגעלאשן און ליידיק,
וואס קאן מען דעמלט שוין טון?
אונזערע עלטערן האבן געהאט גאט.

זיי האבן זיך אין אים ארייננגעזונגען,
אין אים זיך ארייננגעזויגן,
ביז זיי זיינען פול געווארן,
ווי לאגלען מיט אלטן וויין.

וואס זאלן מיר טון,
ווען אונזערע ניכטערע הערצער
גייען אויס נאך א טראפן געוויין?

**ב.**

אין פחדימדיקע נעכט,
האבן אונזערע טאטעס,
א גאפן אש,
אויף קאפ זיך געשיט.

פון געוויין,
זיך געוויגט,
אויף פוס־בענקעלע.

דאס גאנצע הויז־געזינט איינגעיללהעט:
שכינתא בגלות, שכינתא בגלותא.

**ג.**

איבער אונזערע טליענדיקע אויגן,
דער פינסטערע הויפן אש,
וואקסט ביז צום כסא־הכבוד,

דעם לעצטן פונק שוין,
צו דערשטיקן.
ווי אויסגעהוילט, ווי אייסגעלאשן.

**ד.**

און ווען דער מארגנשטערן וועט אויפפונקלען,
און די זון וועט אויפשיינען,
אונזערע אויגן־גלאוונעס פארלאשענע.

די מענטשעלעך גרויל־פארקוילט!

וואלטן מיר זיך געקענט צעווייינען,
אזש אונזערע אויגן זאל זיך צעזידן,
ווי חצאות־זאגנדיקע יידן.

ה.

אויב אויף אונזערע עלטערנס קעפ,
א גארשט אש זיך געשאטן,
אויף אונזערע —
א קופע פון זעקס מיליאן פארקוילטע —

אראפגענידערט האט גאט,
פון זיין כסא־הכבוד.

א פארהוילענער ערגעץ,
זיצט ער אויף שבעה־בענקעלע.
פאר קיינעם שוין,
ס׳פנים נישט מער צו באווייזן —

ו.

אז נאך 6,000,000,
אזוי פינסטער אויסגעלאשן,
קיינמאל נישט מער,
ליכטיק צו ווערן מער.
ערשט נאך 6,000,000,000 — —

אויף פיס־בענקעלע ערד,
מיט קאפ צווישן די קני,
טיף־געבויגן זיצט ער.
הער:
א טרער לעכערן דעם תהום —

ז.

אין זעקס טעג געגרונדפעסטיקט די ערד — —
שבעה דויערט זיבן מעת־לעת!
קיין שבת נישט מער!
אן אויפהער,
קאפעט א טרער.

* * *

וויאזוי קאן וועלט אנדערש זיין,
ווען אזעלכעס זי איז באגאנגען?
וועט זי על־חטא שלאגנדיק זיך,
צו איר הארץ מיט דער האנט דערלאנגען?



צו וואס אלץ זי איז נישט פעאיק,
צי קאן א מענטש זיך דען פארשטעלן;
בלויז ווער איז זי, אויב נישט דער מענטש,
זיינע בענקענישן, זיין ווען — —

צי שטייט זי נישט, צוגעגרייט שוין,
אין איין רגע — אן אטאם־רעגן!
ווען קרעמאטאיע, גאז־קאמער,
געשטעלט זיך דעמלט ווער דאגעגן?

וויאזוי קאן וועלט אנדערש זיין,
ווען א זעלכעס זי באגאנגען?
נאר א מעשה זיך אפצוטון,
זעלבעסט מארד איר איינציק פארלאנגען —

— — — — — — — — — — — — — — —

אבער אז מיר דאך געבליבן,
נישט געקענט אינגאנצן אומברענגען,
זאל דאך דאס־א איבער דער וועלט,
ווי א קמע אצינד הענגען.

## סטראפּעס (פראגמענט)

.1

ס׳וואלט די קאטאסטראפע שוין געשען,
ווען אין מענטשלעכע הענט זי וואלט געלעגן;
לייכטער ווי א סטראפּע אנצוטענדלען,
אינם קנעפּל א דרוק צוגעבן,
די כאאס־מאשין זאל זיך טון באוועגן.
בלוט־פארשכורט די פעלקער זיינען —
אין א דארף־שענק בשעת פויערים־געשלעגן.

.2

אז פיטשינק קליינינק מדינהלע,
פון אייער־שאל ארויסצושיילן,
איינציק פארלאנג שוין: כלי זיין!
און ווי שמשון הגבורדיק שוין,
אונטערצוברעכן כאטש פון וועלט די זיילן.
ערשט די מעכטיקע, זיג־פארשיכור,
זייערע אטאם־באמבעס נישט אפצוציילן.

.3

...א פעראייניקט ירושלים,
ישראל א לאנד צווישן אלע לענדער!
א פעראייניקטע, א גאנצע וועלט,

„עולים ויורדים״ — א יורד,
וואס אט־א דאס רענדל צעבייט ער ?
א קשיא ? אבער נישט־קשה — —
טא זאל עס באווייזן א צווייטער.

זע, יאקאש טאקע א יורד,
אבער עברית אצינד פארשטייט ער,
און דאס מאמע לשון אונזערס —
יידיש ! ווי א וואסער שוין ריידט ער.

.5

אז וואס איז ער דער יישוב אין ישראל,
פון שחיטות, פון פאגראמען פליטים אנטלאפן ;
גאט, זאל דאך, חלילה, נישט טרעפן מער,
דאס וואס געשען איז, אזוי גרויליק געטראפן.

„בונה ברחמיו ירושלים״.
דאס איז עס דאך, וואס מיר בעטן, וואס מיר האפן ;
ניין, נישט מיט מיסילס און נישט מיט פאנטאמס,
קומט די גאולה, און עליה — נישט מיט בלאפן.

ס׳וועלן באלד די כנענים אויסרעכענען,
וויפיל שילומים תפיצות וואלטן באטראפן !
אין עזרא און אין נחמיהס צייטן,
איז מען אויך נישט מיט מיילן־שטיוול געלאפן.

ווען נישט גלות־קרעמער — קארעאימער
מיט בינטלעך ווייבער מ׳וואלט די וועלט פארשלאפן . . .
יא, מיר האבן זי קענען געלערנט,
צופיל רבי־געלד געצאלט, מיר זאגנ׳ס אפן.

און יעצט אז געקומען א היים צוריק,
זאל׳ס זיין ברוה, נישט א חיל אין וואפן !
„בונה ברחמיו ירושלים״ —
דערבארמונג, גענאד, דאס איז דאך וואס מיר האפן.

.6

מען קען א בוים אונטערהאקן,
אבער דעם פניאנק גאנץ נישט אויסרייסן,
מיט די לעצטע ווארצל־הערלעך,
אין דער ערד ער טוט זיך איינבייסן.

קיין צוויט, קיין פירות נישט וואקסן,
אז נישטא מער זיינען די צווייגן,



און דעם שטאם מיט דער האק שפאלט מען,
אויף שייטער־פלאם ארויפצולייגן.

אויב דער בלעטער־קרוין נישטא מער,
וויאזוי דערבליקן די הייכן ;
דאך מיט לעצטן ווארצל־הערל,
טיפענישן נאך צו דערגרייכן.

יא, ווארצלען פון אן עכטן שטאם
אין דער אייגענער ערד נישט פוילן :
אין ברענענדיקער בענקעניש —
אין גאלד און דימאנט זיך פארקוילן !
פון די פארוואגלטע בלעטער,
אן אויפהער די גליאיקע טרערן,
זאמלען זיך, זאמלען זיך, זידן,
ברענענדיקע טייכן זיי ווערן.

קיין שטאם, קיין צווייג — א קופע אש !
בלויז ווו ווארצל איבער געבליבן,
צום שטיקעלע ערד ס׳ציט צוריק,
ווי פארוואלגערט און שטויב צעריבן.

.7

. . . אויב ס׳שטיקעלע פרעמדע ערד דא מיר שוין אזוי נאנט איז,
ערשט פאר די פארצווייגטע מיט קינד און מיט אייניקל ;
איז יעקב נישט צוריק אריבער דעם מעבר־יבוק,
פארגעסן ער האט, עפעס א בלעכן טשייניקל ?

ווי רש״י הקדוש אלצדינג אזוי גענוי געטייטש,
די פחים קטנים און דעם מלאכים גראנגל — —
און עס וועט שוין אויף לעולם ועד בלייבן,
א ישראל און א יעקבדיק הינקנדיק גאנגל.

„פארט א ייד נאך ארץ־ישראל . . . שטייט אבוים מיטן וועג״,
און ווער האט דען א הארץ א בוים אונטערצוזעגן ?
מיט א געבראכענעם הארץ ווינקט נאך א יעדעס צווייגל,
מיט טויזנט פארווײנטע אויגן־בלעטער — ס׳געזעגן.

און אז גאנץ אינטערהאקן חלילה ס׳וועט ווער דעם בוים,
וועלן דען נישט ווארצלען אין דער ערד איבערבלייבן ?
שוין לייכטער די גאנצע ערד זאל ווערן ארץ־ישראל,
ווי אלע יידן נאך ישראל זיך איבערקלייבן.

## סאמערסעט מאהם

# דער דיכטער

איך בין נישט זער אינטערעסירט אין בארימטקייטן און האב קיינמאל נישט געהאט קיין געדולד מיט דער תאוה, וואס באפאלט אזויפיל מענטשן, צו וועלן דריקן די האנט פון די גרויסע לייט אויף דער וועלט. ווען זשע מען שלאגט מיר פאר זיך צו באגעגענען מיט א פערזענלעכקייט, הויך אין ראנג אדער דערגרייכונג, זוך איך מיר אויס א העפלעכע אויסרייד אויסצומיידן דעם כבוד; און ווען מיין פריינט דיעגא טאררע האט פארגעשלאגן מיך צו באקענען מיט סאנטא אניא, האב איך מיך פשוט אפגעזאגט. דאס מאל איז די אויסרייד מיינע געווען אויפריכטיק; סאנטא אניא איז געווען נישט בלויז א גרויסער דיכטער, נאר אויך א ראמאנטישע פיגור און עס וואלט מיך אמוזירט צו זעען אן עובר־בטל, וועמעס אמאליקע געוואגטע מעשים (מינדעסטנס אין שפאניען) זענען געווען לעגענדאר; אבער איך האב דאך געוואוסט, אז ער איז אלט און קראנק און האב פשוט נישט געקענט גלויבן, אז עס וועט נישט זיין פאר אים קיין אנטשעפעניש זיך צו באגעגענען מיט א פרעמדן און אן אויסלענדער.

קאליסטא דע סאנטא אניא איז געווען דער לעצטער אפשטאמיקער פון א דערהויבענער שולע; אין אן אומסימפאטישער וועלט צום בייראנישן געדאנק האט ער געפירט א בייראניש לעבן און באשריבן זיין ריזיקאליש לעבן אין א ריי פאעמעס, וואס האבן אים געברענגט רום פיל מער ווי צו אנדערע דיכטער פון זיין צייט.

איך אליין בין נישט קיין מבין אויף זייער ווערט, ווארום איך האב זיי ס׳ערשטע מאל געלייענט ווען איך בין אלט געווען דריי און צוואנציק יאר און האב מיך געפילט אנטציקט פון זיי; עס איז געלעגן אין זיי א ליידנשאפט, א העראישע עזותדיקייט און א פארבנרייכע לעבהאפטיקייט, וואס האבן מיך ממש פארכאפט, און ביזן היינטיקן טאג, אזוי געמישט זענען קלינגענדיקע ליניעס און באצויבערנדיקע ריטמען מיט רייצנדיקע זכרונות פון מיין יוגנט, קען איך זיי נישט לייענען אן א צאפלדיק הארץ.

איך בין גענייגט צו גלויבן, אז קאליסטא דע סאנטא אניא האט זיך כשר פארדינט זיין רעפוטאציע ביי די שפאניש־רעדנדיקע פעלקער.

אין יענע צייטן זענען זיינע לידער געווען אויף די ליפן פון אלע יונגעלייט און מיינע פריינט האבן גארנישט געוואלט אויפהערן צו רעדן פון זיינע ווילדע דרכים, זיינע מיטרייסנדיקע רעדעס (ווארום ער איז געווען א פאליטיקער אויך), זיין בייסיקן שארפזין און זיינע ליבעס. ער איז געווען א בונטאר און טיילמאל אן ארויסגעטריבענער, געוואגט און וואונטוריסטיש; נאר איבערהויפט א ליבהאבער. אלע האבן מיר געוואוסט פון זיין תאוה צו דער גרויסער אקטריסע אדער יענער געטלעכער זינגערין — האבן מיר דען נישט געלייענט ביז מיר האבן זיי געקענט אויף אויסנווייניק יענע פייערדיקע סאנעטן, אין וועלכע ר׳האט באשריבן זיין ליבע, זיין אנגסט און זיין צארן? — און אונז



איז געווען באקאנט, אז א שפאנישע פרינצעסין, די שטאלצעסטע אפשטאמיקע פון די בורבאנס, האבנדיק נאכגעגעבן זיינע דרינגלעכע פארלאנגען, האט אויף זיך גענומען דעם נאנען־שלייער ווען ער האט זי אויפגעהערט צו ליבן. ווען די פיליפסעס, אירע קעניגלעכע קדמונים, זענען מיד געווארן פון א געליבטער, איז זי אריין אין א קלויסטער, ווארום עס איז נישט אנגעשטאנען, אז איינע, אין וועמען דער קעניג האט זיך געליבט, זאל אן אנדערער זיך ליבן אין איר, און איז נישט קאליסטא דע סאנטא אניא גרעסער ווי וועלכער ס׳איז קעניג אויף דער וועלט? מיר האבן אפלאדירט דער דאמעס ראמאנטישן זשעסט; עס האט פארדינט אכטונג אויף איר זייט און אנטציקונג פאר אונזער דיכטער.

דאס אלץ איז אבער געשעען מיט אסך יארן צוריק און אין משך פון א פערטל יארהונדערט, צוריקציענדיק זיך מיט פאראכטונג פון א וועלט וואס האט אים שוין מער נישט געהאט וואס צו געבן, האט ער זיך געלעבט איינזאם אין זיין געבורט־שטעטל עסיכא. עס איז געווען בשעת כ׳האב געמאלדן מיין באגער דארטן אהין צו פארן (כ׳האב געהאט פארברענגט א וואך־צוויי אין סעוויל) נישט צוליב אים, גאר ווייל עס איז א פרעכטיק אנדאלוזיש שטעטל פארבונדן מיט פערזענלעכע זכרונות, צוליב וועלכע עס איז מיר אזוי ליב, האט דיעגא טאררע מיר פארגעשלאגן אט דאס באקאנטשאפט שליסן. עס האט געהייסן, אז דאן קאליסטא דערלויבט טיילמאל יונגערע שרייבער אים צו באזוכן און געלעגנהייטלעך רעדט ער צו זיי מיטן פייער, וואס פלעגט עלעקטריזירן זיינע צוהערער אין די גרויסע טעג פון זיין התחלה.

— ווי זעט ער איצט אויס? — האב איך געפרעגט.

— הערלעך.

— האט איר אפשר זיינס א פאטאגראפיע?

— הלואי וואלט איך געהאט. ער האט זיך מער נישט געלאזט פאטאגראפירן זינט ער איז אלט געווארן פינף און דרייסיק יאר. ער וויל נישט, זאגט ער, אז די קומענדיקע דורות זאלן אים קענען אנדערש ווי אלס א יונגנמאן.

איך מוז מיך מודה זיין, אז אט דער רמז פון פוסטן שטאלץ האט מיך נישט ווייניק גערירט. האב איך דאך געוואוסט ווי אויסערגעוויינלעך שיין ער איז געווען אלס יונגערמאן, און יענער רירנדיקער סאנעט, וועלכן ער האט געשריבן, ווערנדיק זיך באוואוסטזיניק, אז די יוגנט האט אים אויף אייביק פארלאזט, באווייזט דאך מיט וואס פאר א ביטערן צער ער האט געמוזט קוקן אויפן פארוועלקנדיקן פנים, וואס מען פלעגט אזוי פאנטאסטיש באוואונדערן.

אבער איך האב נישט אנגענומען מיין פריינטס אנבאט; בין געווען גאנץ צופרידן איבערצולייענען נאך א מאל די פאעמעס, וואס זענען מיר געווען אזוי גוט באקאנט און איבריקנס האב איך ליבער געוואלט ארומוואנדערן איבער די זוניקע, שטילע געסלעך אין עסיכא פראנק און פריי. עס איז דעריבער געווען צו מיין שטוינונג אין אוונט נאך מיין אנקומען צו דערהאלטן א בריוול פון דעם גרויסן מאן אליין. דיעגא טאררע האט אים געשריבן וועגן מיין באזוך,

און עס וואלט אים פארשאפט גרויס פארגעניגן, אויב איך וואלט געקענט קומען צו אים ארום עלף אזייגער צומארגנס אין דער פרי. אין די אומשטענדן האב איך שוין נישט געהאט קיין ברירה ווי נאר מיך צו ווייזן אין דער באשטימטער שעה.

מיין האטעל איז געשטאנען אין דער פלאזא און דעם פרימארגן אין פרילינג איז עס געווען באלעבט, אבער באלד ווי איך בין ארויס בין איך שוין געגאנגען ווי איבער א וויסטער שטאט. די גאסן, די קרומע ווייסע גאסן, זענען געווען פוסט אחוץ וואס פון צייט צו צייט האט א פרוי אין שווארצן זיך אומגעקערט פון אירע געבעטן מיט געמאסטענע טריט. עסיכא איז א שטעטל פון קירכעס און מען קען זעלטן גיין ווייט און נישט באמערקן אן איינפאלנדיקע פאסאדע אדער א טורם, אין וועלכן באטשאנעס האבן זיך געבויט א נעסט. איין מאל האב איך מיך אפגעשטעלט קוקן אויף א ריי אייזעלעך פארבייגיין. זייערע רויטע דעקעס זענען געווען אפגעבליאקעוועט און האבן געטראגן אין די קוישן איך ווייס נישט וואס. נאר עסיכא איז אמאל יא געווען א אויסוויכטיק מקום און אסך פון אט די ווייסע הייזער האבן דעמאלט געהאט אויספלאסטערונגען פארן ארייננאנג, מיט א גרויסארטיקן הערב איבערן טויער, ווארום אהער זענען געפלאסן די רייכטימער פון דער נייער וועלט און אוואנטוריסטן, וואס זענען נתעשר געווארן אין די אמעריקאנישע לענדער, האבן דא פארברענגט זייערע לעצטע יארן. אין אט איינס פון די דאזיקע הייזער האט דאן קאליסטא געוואוינט און בעת כ׳בין געשטאנען ביי דער טיר, נאכן אנקלינגען דעם גלאק, האב איך געהאט א הנאה איינצוזעען, אז ער לעבט זיך ווי ס׳געהער צו זיין. עס איז געהאנגען א מדולדלדיקע אימפאזאנטקייט איבער דעם מאסיוון טויער, וואס האט אזוי געפאסט צו מיין איינדרוק פונם פלאמיקן פאעט. כאטש כ׳האב געהערט דעם גלאק קלינגען איבערן גאנצן הויז האט קיינער נישט געענטפערט און איך האב געמוזט קלינגען א צווייט און א דריט מאל: צום סוף איז אן אלטע פרוי, מיט שווערע וואנסעס, צוגעקומען צום טויער.

— וואס ווילט איר? — האט זי געפרעגט.

זי האט געהאט שיינע, שווארצע אויגן, אבער א בייזן בליק, און איך האב מיר משער געווען, אז דאס גיט זי אכטונג אויף דעם אלטן מאן. איך האב איר דערלאנגט מיין קארטל.

— איך האב אן איינלאדונג פון אייער בעל־הבית.

זי האט אויפגעעפנט דאס אייזערנע טויער און מיך געהייסן אריינגיין. זי האט מיך געהייסןווארטן און איז אליין ארויפגעגאנגען די טרעפ. דער הויף איז געווען אנגענעם קיל נאך דער גאס. אלע טיילן זענען געווען פארנעם און עס האט זיך אייך געדאכט, אז עמיצער פון די נאכפאלגער פון די קאנקוויסטאדארעס האט עס אויפגעבויט; נאר די פארב איז געווען אפגעבליאקעוועט, פארפלעקט, די פאסאדזקעס אויף דער פאדלאגע צעבראכן, און ערטערווייז איז דאס קאלך אראפגעפאלן פון די ווענט. ארעמקייט האט געשוועבט אין דער לופט, אבער נישט קיין שמוץ. אודאי האב איך געוואוסט, אז דאן קאליסטא



איז ארעם. געלט פלעגט אים אנקומען טיילמאל לייכט, אבער ער האט קיינמאל נישט געלייגט קיין אכט דערויף און עס פארשווענדט. קלאר, אז ער לעבט איצט אין נויט, נאר וויל עס נישט באמערקן. אינמיטן הויף איז געשטאנען א טיש מיט א וויג־שטול אויף יעדע זייטן, און אויפן טיש א צייטונג פון פאר צוויי וואכן. איך האב מיך געוואונדערט צו וויסן וואס פאר א חלומות פארנעמען זיין פאנטאזיע בשעת ער זיצט זיך אזוי אין די זומער פארנאכטן, רויכערנדיק ציגארעטן. אויף די ווענט הינטער די זיילן האט מען געקענט זען שפאנישע בילדער, טונקעלע און שלעכט, און דא און דארטן זענען געשטאנען אלטע פארשטויבטע גראטעס מיט פארראכטעגע גלאנץ טעלער פון אויבן. ביי א טיר איז געהאנגען אפאר אלטע פיסטוילן, און איך האב געהאט דאס געפיל, אז דאס זענען מסתמא די כלי־זין, וואס ער האט באנוצט צום בארימטסטן דועל זיינעם צוליב פעפא מאנטאניעז דער טענצערין (וואס איצט איז זי, אזוי שטעל איך מיר פאר, א פארריטלטע מכשפה אן ציין) און האט אומגעברענגט דעם דוכוס פון דאז ערמאגאס.

די גאנצע סצענע, מיט אירע פארבינדונגען, וועלכע כ׳האב מיר אזוי אומקלאר משער געווען, האט געגוי געפאסט אט דעם ראמאנטישן דיכטער, אז די אטמאספערע פון דעם ארט האט מיך ממש גובר געווען. די פארנעמע דחקות האט אים ארומגערינגלט מיט א גלאריע אזוי גרויס ווי די פראכט פון זיין יוגנט; אין אים האט זיך אויך געפונען דער גייסט פון די אלטע קאנקוויסטאדארעס, און עס האט געפאסט, אז ער זאל פארענדיקן זיין בארימט לעבן אין דער חורבה פון א פרעכטיק הויז. אט אזוי דארף א דיכטער לעבן און שטארבן. אנגעקומען אהין בין איך גאנץ קיל און מיך אביסל געגודיעט ביי דער אויסזיכט פון דער באגעגענונג, אבער איצט האב איך שוין אנגעהויבן ווערן אביסל נערוועז. כ׳האב פארריכערט א ציגארעט. איך בין דאך געקומען צו דער צייט, וואס זשע האלט עס אפ דעם אלטן זקן? די שטילקייט האט מיך מאדנע באאומרואיקט. גייסטער פון דער פארגאנגענהייט האבן זיך געדרענגט אין דעם שטילן הויף און א דור, טויט און פארגאנגען, האט ווידער אנגעפאנגען א מין שאטן־לעבן פאר מיר. די מענטשן פון יענער צייט האבן פארמאגט א ליידנשאפט און א ווילדקייט פון גייסט, וואס איז פארשוואונדן פון דער וועלט אויף אייביק. מיר זענען מער נישט מסוגל אויף אזעלכע אומבאקימערטע מעשים און טעאטראלע העראאישע אקציעס.

כ׳האב דערהערט א שארך און דאס הארץ האט מיר גענומען קלאפן האסטיק. האב מיך געפילט געררייצט איצט און ווען כ׳האב אים דערזעען לאנגזאם אראפקומען איבער די טרעפ, האט עס מיר פארכאפט דעם אטעם. ער האט געהאלטן מיין וויזיטקארטל אין דער האנט. א הויכער זקן און זער שלאנק, מיט א הויט די קאליר פון אלט עלפנביין; א גרויסע טשופרינע ווייסע האר, נאר די דיקע ברעמען זענען נאך געווען טונקל; זיי האבן געמאכט זיינע גרויסע אויגן בליצן מיט נאך מער פינסטערן פייער. עס איז געווען וואונדערלעך, אז ביי זיין זקנה זאלן אט די שווארצע אויגן נאך אלץ האבן

זייער גלאנץ. אן אדלער־נאז, א פעסט געזעצט מויל. זיינע אויגן, אן א שמייכל, האבן פעסט געבליקט אויף מיר בעת ער האט זיך דערנענטערט און עס איז געלעגן אין זיי א קוק פון קילער אפשאצונג. געקליידט איז ער געווען אין שווארצן און אין איין האנט געהאלטן א ברייטן הוט. אין זיין באנעמונג איז געווען זיכערקייט און גדלות. געווען ווי כ׳וואלט אים געוואונטשן צו זען און בשעת כ׳האב אזוי געקוקט אויף אים האט איך פארשטאנען וויאזוי ער האט עס באוואויגן מענטשנס מחשבות און גערירט זייערע הערצער. ער איז געווען יעדעס פיצל א פאעט.

אראפגעקומען אין הויף אריין, האט ער זיך פאמעלעך דערנענטערט צו מיר ער האט באמת געהאט די אויגן פון אן אדלער. אין משך פון א געוואלדיקן מאמענט האט עס אויסגעזעען, ווארום דארט איז ער געשטאנען, דער יורש פון די גרויסע שפאנישע פאעטן, דער וואונדערלעכער הערערא, דער נאסטאלגישער און רירנדיקער פראי לואיס, כואן דע לא קרו; דער מיס־טיקער, און דער אומעטיקער און אומקלארער גאנגארא. ער איז געווען דער לעצטער פון יענער לאנגער ליניע און געטראטן אין די פוסטריט נישט אומוויר־דיקערהייט. מאדנע, ביי מיר אין הארץ האט עס געזונגען דאס ליבלעכע און צערטלעכע געזאנג, וואס איז דאס בארימטסטע פון דאן קאליסטאס ליריק.

כ׳האב מיך געפילט נידערגעשלאגן. נאר מיין מזל איז געווען וואס כ׳האב מיר געהאט צוגעגרייט פון פריער די פראזע, מיט וועלכער איך האב בדעה געהאט אים צו גריסן.

— עס איז א וואונדערלעכער כבוד, מייסטרא, פאר אן אויסלענדער ווי איך צו מאכן די באקאנטשאפט מיט אזא גרויסן דיכטער.

א פלאטער פון אמוזירונג איז אדורך אט די דאזיקע דורכדרינגלעכע אויגן און א שמייכל אויף א רגע האט געקרימט די ליניעס פון דעם שטרענגן מויל.

— איך בין נישט קיין דיכטער, סעניאר, נאר א סוחר פון חזיר־האר. איר האט געהאט א טעות, דאן קאליסטא וואוינט דא אין שכנות.

איך בין געקומען נישט צום ריכטיקן הויז. פון ענגליש א. אלמוג

## עלע זילבערג

## אונזער זקן

(געווידמעט פריינט ב. צום 85 יאר)

אנגעזאפט מיט מאמע לשון,
מיט דעם טאטענס חכמות תורה,
ציט יניקה ער פון עבר,
ווי דער סוחר פון זיין סחורה.

חלומט ער פון פויליש וועלדער,
פון די שטעטאלעך צושפרייטע,



שוועבן קלאר פאר זיינע אויגן,
קארן פעלדער, גאלד פארזייטע.

פיל געלעבט, און פיל געליטן,
דאס טייערסטע כמעט פארלארן,
נאר מיט ערליכער אמונה
ניט פארביטער זיינע יארן.

נערט ער זיך פון די זכרונות,
און דערקוויקט זיך זיינע גלידער,
שיקט די זון, א שטראל ארונטער,
יאגט ער זיך נאך אים א מידער.

נאר זיין הארץ עס ציט נאך ציון,
נאך דעם לאנד פון ג׳. געגעבן,
פאר דעם וואוילזיין פון ישראל,
גרייט צו שענקען ער דאס לעבן.

## משה בעקערמאן

## די אכטע פרינצעסין

אין דעם וויטן אריענט געפינט זיך נאך ביז היינט־צו־טאג א לאנד, אין וועלכן די היינטיקע ציוויליזאציע האט כמעט פארגעסן. נישט דאס לאנד און נישט די הערשאפט האט זיך דארט געענדערט. דער נאמען פונם לאנד איז „וואַ־סען־טשו״, וואס מיינט אין אלע ציוויליזירטע שפראכן „ליבע־איבער־אלעס״, און דער הערשער איז נאך אלץ א קעניג.

ווען איך האב מיט יארן צוריק באזוכט דאס דאזיקע לאנד, האב איך באגעגנט אויף שטעג און וועג פריילעכע פנימער. גליקליכערווייזע האב איך דארט געטראפן אן אייראפעער, וואס וויל ציוויליזירן די תושבים, וועלכע קוקן אויף אים מיט פארדאכט. פרעג איך אים: „נו, מאכסטו עפעס פארשריט אין דיין פארזוך?״ זאגט ער, אז ס׳קומט אים אן מיט גרינגע ווערעם צו געווינען זייער צוטרוי. ס׳איז פשוט אוממעגלעך זיי איינצורעדן, אז א פרעזידענט איז בעסער ווי א קעניג. א קעניג און א קעניגין. זאגן זיי קלינגט מער ריטמיש ווי א פרעזידענט און א פרעזידענטיכע, און מען ווייסט נישט וועמענס מארגן ס׳איז מיט די פארשוינען. זיי ווילן בלייבן א רואיק, פריילעך פאלק.

און דא קום איך צום הויפט־פונקט פון מיין באשרייבונג: די קעניגין. ס׳איז נישט נויטיק צו קענען די שפראך פון א לאנד, כדי באצויבערט צו ווערן פון דער שיינקייט פון די פרויען. עס פארכאפט פשוט ביים אטעם, ווען איר קוקט אויף זיי פון דער ווייטן. איר וואונדערט זיך בלויז וואס די ציוויליזירטע וועלט האט נאך נישט דערגרייכט צו אזא שטופע. די קעניגין איז אבער געווען די שענסטע פון זיי אלע, אן אמתע יפת־תואר; בלוט און מילך.

דעם קעניג האט אויך גארנישט געפעלט. איז נישט קיין וואונדער, אז די קעניגין האט באלד אנגעהויבן צו קינדלען. צום אלעם ערשטן האט זי געהאט א צווילינג, צוויי מיידלעך. לויט אן אפמאך האבן זיי באשטימט, אז זי זאל האבן די קינדער און ער זאל געפינען פאסיקע נעמען. זענען די נעמען פון די צוויי פרינצעסינס געווען „טאג“ און „נאכט“, כאטש זיי האבן ביידע געשיינט ווי די ליכטיקע זון.

דער שלום־בית צווישן קעניגלעכן פארל איז דערפון נישט געשטערט געווארן, און די קעניגין האט אים געבוירן א צווייטן צווילינג און ווידעראמאל מיידלעך. האט דער קעניג נישט לאנג געטראכט און אוועקגעמאכט מיט די ערשטע נעמען און אלע פיר פרינצעסינס געגעבן די נעמען פון די צייטן פון יאר: „פרילינג“, „זומער“״ „הארבסט“ און „ווינטער“. מיט גאטס הילף האט נישט גענומען לאנד און די קעניגין האט געהאט נאך דריי טעכטערלעך. דער קעניג איז נישט בטל געווארן, און זיי באלד א נאמען געגעבן לויט די טעג פון דער וואך.

אבער ווען די אכטע פרינצעסין איז געקומען אויף דער וועלט, האט זיך געשאפן א פראבלעם פארן קעניג: ווען קען מען דאס אלע מאנטאג און דענערשטאג ענדערן די נעמען פון די פרינצעסינס? זיי וועלן דאך אלע מבולבל ווערן! ענדלעך איז דער קעניג ארויסגעקומען מיט א פלאן. „מיר וועלן משנה־שם זיין אלע אונזערע קינדער לויט די מאנאטן פון יאר, אזוי, אז אונזער אכטע פרינצעסין וועט הייסן „אויגוסטא“.

די קעניגין איז גארנישט נתפעל געווארן דערפון. „פארגעס נישט, מיין ליבהארציקער, אז ס׳בלייבט בלויז איבער פיר מאנאטן! און וואס וועט זיין ווייטער?“... אבער דער קעניג האט געהאט א טבע נישט צו ענדערן זיין מיינונג. „הייסט דאס, זאגט די קעניגין, אז נאך דעם געבורט פון דער פרינצע־סין „דעצעמבער“ וועלן מיר דארפן אנפאנגען נאכאמאל פון אנהויב?“ נאך א לאנגער פויזע האט דער קעניג א זאג־געטון: „ניין, מיין טייערע, צו אזא סיטואציע וועט נישט קומען צוליב צוויי אורזאכן. ערשטנס, זענען צוועלף טעכטער איבער גענוג אפילו פאר א קעניג און, צווייטנס, מוז איך זיך האלטן ביי דער קעניגלעכער טראדיציע פון לאנד. דאס מיינט, אז באלד נאכן געבורט פון דער פרינצעסין „דעצעמבער“ וועל איך, מיט א ווייטאק אין הארצן, אפהאקן דיין קאפ. „ער האט זיך ביטער צעוויינט ביי די ווערטער. מען האט געקענט זען, אז דאס קאסט אים זיין געזונט. די קעניגין האט זיך צעיאמערט, נישט דערפאר ווייל איר שטייט צו פארלירן איר קאפ, נאר דער געדאנק וויפל הארץ ווייטאק דער קעניג וועט ליידןביים אדורכפירן דעם טראגישן אקט. ווער ווייסט צי ער וועט לאנג דויערן נאך דעם. זיין ליבע צו איר איז דאך אזוי שטארק. אחוץ אלעמען איז גארנישט אזוי שיין פאר א יונגער שיינהייט צו פארלירן איר קאפ. לויט דער געשיכטע פון קעניגינס, וואס האבן דורך איין אורזאך אדער א צווייטער פארלוירן זייערע קעפ ווערט נישט דערמאנט קיין איינע, וואס איז געווען באגייסטערט פון אזא פינסטערן גורל.



ווען איך האב מיט יארן שפעטער נאכאמאל באזוכט דאס דאזיקע פרימיטיווע לאנד, האב איך זיך דערוואוסט, אז די קעניגין האט נאך, גאט צו דאנקען, איר קאפ אויף די פלייצעס; זי איז נאך פיל שענער און פריילעכער ווי פריער, און די שמחה אין קעניגלעכן הויף איז אין־לשער. אזוי ווי מען ווייסט נישט פארוואס זי האט געהאט צוערשט אכט פרינצעסינס, אזוי ווייסט מען נישט פארוואס זי האט געהאט זיבן פרינצן ביז איצט.

און די קעניגין איז נאך אלץ אזוי גראַציעז, אזוי רייצנד און דער קעניג איז אזוי שטארק פארליבט אין איר, אז איך האב גענומען צווייפלען אין ציוויליזאציע, וואס דראפעט זיך צו דער לבנה און צו די טיפענישן פון די ימים, וואס זענען אזוי רייך אין גאלד און אזוי ארום אין גייסט; וואס זייער סופערמאניק פליען ברענגט זיי נענטער צום אפרונט, אז איך בין מקנא דאס פרימיטיווע לאנד מיטן נאמען „ליבע־איבער־אלעס“.

## יוסף לעפּטוויטש

## דער נאמען

א נאמען האט דעם רוח פון באשאף.
רופט מען מיין נאמען, ענטפער איך דארויף,
ווי שמואל האט געענטפערט גאטס רוף.

א מלאך האלט דעם נאמען באהאלטן,
ווי דער מלאך וואס האט זיך ביי מנוח געמאלדן,
אבער א מענש טראגט זיין נאמען הויך.
דער מלאך האט געוווסט ווער ס׳איז מנוח.

ביז אדם האט דעם לייב א נאמען געגעבן,
זענען אויף דער וועלט ניט געווען קיין לייבן,
אלץ האט אדם מיטן נאמען גערופן —
און מיטען נאמן האט ער אלע געשאפן.

## א. נ. שטענצל

## די מלינה

אין א יידיש רעסטאראנדל אויף דער שענהויזער־שטראסע, אין קאפע אויפן האגישן־מארק איז תמיד דא די געפאר — אבלאווע: געפעלשטע קופאנס, דאלארן, עמיגראנטן אן פעסער... פאליציאנטן שטייען ביי די ארויסגאנגטירן; און דרויסן אין א הינטערגעסל ווארט שוין די „שווארצע מערי“ — דער פאליציי־וואגן.

דא אין דער מלינה איז די געפאר נישטא. זאל דא אריינקומען א „שופא“ און פרעגן — אויף וואס זאל ער פרעגן, אויף א פאס? דא זענען אלע דויטשן, „וואש עכטע“ בערלינער. דא האנדלט מען אויך נישט מיט „לאקשן“ און אויף אן ארבעס־זופ מיט א פעטן חזיר־ביין, אויף א כשר חזיר־פיסל מיט זויערקרויט באדארף מען נישט קיין קופאנען...

דא טרעפן זיך „נאכטפייגל״ צווישן איין שטיקל ארבעט און א צווייטן. דא דערוואַרעמט מען זיך נאכן שטיין שמירה נאך האלבער נאכט. דא ווארט אפּ א וואַרעמער „ברודער״ ביז „זי״ פארטיקט זיך אפּ מיט א „גאסט״ דרויסן אין א פינסטער ווינקל.

און די שטאמגעסט, די קוטשערס און די פארמאַנעס, די נאכט־ארבעטער, זאל זיך נאר דא באוויַיזן א „שופּא״, וועלן זיי שוין אים נעמען אויף דער האַצקע, אז ער וועט א צענטן פארזאָגן . . .

יא, דא קומען אריין געהיים־אַגענטן מיט פאטאגראַפיעס אין טאש צו דערקענען א באוואוסטן קאסע־ברעכער . . . דא קומט מען אריין מיט פאליציי שפּיר־הינט צו דערשמעקן א רוצח . . . יא, דא רופט מען אן די פאליציי, דא טעלעפאנירט מען צום הויפּטאַמט אויף אלעקסאנדער־פּלאַץ, אז פאליציי זאל „זאַפארט״ קומען ווען נאך א מעסער־געשלעג עס ליגט שוין א טויטער אויף דער פּאָדלאָגע . . .

יא, דא קומען נישט אריין קיין אויסלענדער אָן פּעסער, קיין יידישער „שאַכער־מאַכער״ מיט לאַקשן און קופּאַנען, דא קומען אריין „וואַש־עכטע בערלינער״ — דויטשן.

דא, אין דער מלינה, זיץ איך מיר אַן שרעק, א געזיכערטער, איינגעהילט אין אַן עמוד־הענן פון ביליקן טאַבאַק־רויך און אין פּאַרע פון קאָכעדיקע אַרבעס־זופּן, וואס גייען פון גרויסע, בלעכענע שיסלען — אז מ׳זעט אַזאַ דאַמפּנדיקע אַרבעס־זופּ און דעם רויט־צעפּאַרעטן קאָפּ געבויגן איבער דער פולער שיסל, און דעם גרויסן, בלעכענעם לעפל, וואס הענגט אויף א קייטעלע אַנגעקאוועט אין איר, און ווי ער, דער לעפל, לויפט מיט א ירגזון אַהין און אַהער און ווי דאס אויפגעריסענע מויל כאַפּט אים מיט א שלינגענדיקער הנאה, פארשטייט מען דעם טייטש פון „נזיד עדשים״ און ס׳ווערט פארענטפערט ווי עשיו קומט עפּעס צו פארקויפן די בכורה פאַר א טעלער מיט אַרבעס . . .

דא, אין דעם שאַרפן ביר־ריח און דעם זויערן אַרבעס־זופּ גערוך, אַן איינגעהילטער אין דעם פרעמדן, פעטלעכן נעפּל אויף די ליפּן אים שפּירנדיק און אין דעם ביטערן פּייקע און ציגאַרן־רויך, ביז אין האַלז אריין קרעלנדיק, זיץ איך מיר לפני־ולפנים, אינערלעך אין מיר ווי אין א חדר המיוחד ביי אַן עק טיש און טו מיר מיין עבודה —

דאס נייע לעבן פאַר מיר דא אַרום, די ממש מיט די הענט אַנצוטאַפּן אַטמאָספערע, די גראָבע געניסערישע קולות, וואס הערן זיך פון דער טאַשעוואַניע, וואו מ׳צאַפּט דאס ביר פון פעסער אין די קופּליעס אריין, די זיך באַווייזנדיקע, צעכראַסטעטע פרויען ביי מיין טיש, מיט בליקן פון געשלאַגענע, טרויעריקע הינט, זענען געוואָרן אומבאַוואוסט דאס בילד און דער הילך אין מיין ליד —

וואס נידריקער מען זינקט, אַלץ טיפער איז מען מיט גאָט; מ׳שטייט אויף די קני מיטן מינדסטן מענטש און מ׳איז מתפּלל . . . די מענטשן זענען מיר נאָענט געוואָרן אין זייער פאַרלאָזנקייט — דאס איז מסתּם די „אומיטל-



באַרקייט״.

„שיק מיר, מאַמע, דיין תּחינהלע,
דיין טרערן־צעווייקט תּחינהלע,
שיק מיר און זאָג דעם טאַטן נישט״.

דאס ליד, וואס הייבט זיך אָן מיט דעם פּערז, האָב איך פּופצן יאָר שפּעטער — אין יאָר 1936, ביים פאַרלאָזן בערלין, גענומען פאַר מיין לעצטן געדרוקט בוך אין דייטשלאַנד, פאַר אַן הקדמה צו מיינע בעל־שם, רבי נחמן און „גוטע יידן״־פּאָעמעס. דאס ליד איז געשריבן געוואָרן אין יענעם ווינטער און אין דער רוישיקער נאַכט־קנייפּע ביי „מיין״ עק־טישל.

אויך בנוגע חיונה בין איך געווען נישקשה פאַרזאָרגט; מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז ביי געלעגנהייטס־אַרבעט בין איך א גוטע האַנט, און אַז איך בין שוין אויסגעקאַכט מיט די אַלע פאַרמאַנעס און גרינצייג־פירער, וואס קומען אָן נאָך איידער דער באַגינען הייבט אָן צו בלישטשען. זיי כאַפּן זיך אַריין דאָ אין דער נאַכט־קנייפּע זיך אָדורכצוּוואַרעמען מיט א שאַרפן טרונק, מיט א הייסער אַרבעס־זופּ און זיך אָדורכצושרייען איינער מיטן אַנדערן אין דעם רויִיקן און דאַמפּנדיקן נעפּל —

נאָכן באַקומען, פאַר א פאַר וואָכן צוריק, פונם יידישן אַרבעטס־אַמט די באַשעפטיקונג אינם אייזן־סקלאַד — מיך שווער אַריינגעאַרבעט, אָבער נאָך א פאַר טאָג איז אַלץ געגאַנגען כּשורה. דער „האָפּ־האָפּ״ ביים אויפהייבן און ביים אָפּלאָדעווען איז געגאַנגען ווי א מזמור. וואָלט אַלץ געווען וואויל און גוט, אָבער אַז ס׳איז געקומען פרייטאָג צום אויסצאָלן, האָט דאס געלט געסטאַיעט קוים ביז מאָנטאָג — ווייל די אַנדערע וואָך זענען די פופציק מאַרק קוים ווערט געווען פופציק פּעניג.

די דייטשע אַרבעטער האָבן זיך אָן עצה געגעבן מיט דער אינפלאַציע — ווי נאָר דער מאַן האָט אַהיימגעבראַכט דעם לוין, האָט די דייטשע הויזפרוי ס׳גאַנצע געלט אויסגעגעבן און איינגעקויפט אויף א גאַנצער וואָך. איך האָב שוין דינסטאָג, מיט אַלע מיינע געבליבענע פּאַפּירלעך, נישט געהאַט צו באַצאָלן אויף א מיטאָג.

מיין צימערל האָב איך שוין געהאַט און דער עיקר אַן אַדרעס. פרייטאָג באַקומענדיק אויסגעצאָלט דעם לוין, האָב איך קודם באַצאָלט דאס דירה־געלט פאַר דער גאַנצער וואָך. און די לעצטע טעג, ווען ס׳האָט שוין נישט געסטאַיעט אויף א ריכטיק מיטאָג, האָב איך מיך שוין טאַקע דערנערט מיט די אַרבעס־זופּן פון דער מלינה. אָבער נישט נאָר דאס און די אַטמאָספערע, צו וועלכער כ׳האָב מיך צוגעוואוינט און ליב באַקומען — נאָר די וואַנצן אין מיין בעט און דאס גאַנצע טומלדיקע געסל מיט „שטונדן־קאַטירן״ — — און די פרייע שעהן און אין די שלאָפלאָזע נעכט האָב איך מיין מקום מנוחה געפונען אין דער מלינה.

אין א פאַרטאָגס נאָך א געשלעג, וואס איז אַרויסגעקומען איבער אַזאַ ליידיקער אַרבעס־שיסל מיט אַן אַנגעקייטלטן, בלעכענעם לעפל, וואס האָט

זיך פארוואלגערט אויפן טיש און מ׳האט צוריקגעקראגן ביי דער טאשעוואניע א האלבן מארק משכון־געלט, האט א פינסטערער נאכט־פויגל אונטערגעהאקט א זייט ביי א פארמאן, פון א גרויסער לאדונג גרינס. מילא, צו די האלעס צוצופארן וועט ער שוין פאספיעיען, אבער די זעק קארטאפל און די גרויסע מייערן־בינטן פון וואגן אראפנעמען?

נאכן געשלעג האט זיך דער לאקאל האלב אויסגעליידיקט. די נאכט־פייגל און די פינסטערע פארשוינען האבן „פארדופטעט" — ווי אין דער ערד איינגעזונקען.

דער בעל־בית און ס׳ביסל פארמאגעס מיט די ביציסקעס פארדוקט אין די ארעמס שטייען ארום מיר: יעבור עלי מה, איך מוז מיט דעם צעשלאגענעם אין דער האלע אריין מיטפארן — מ׳קאן אמאל פון אן ארבעט אוועקבלייבן, א מענטש א טובה צו טון. איך וועל שוין געפינען א תירוץ.

מ׳האט דערויף אויסגעטרונקען איינס און נאך איינס און פארביסן בכל לבבך און איך בין ארויף אויפן וואגן.

דערשפירנדיק דעם ריח פון פעלד, פון קארטאפל מיט דער ערד באוואקסן, די רויטע מייערן־בינטן, גרין־צעפלאשעטע, די קילעריבן מיטן הארבלעכן גערוך וואס איז מיר אריין אין נאז, און איך האב אויפגעלעבט — דאס גאנצע דארף מיט אלע פעלדער זענען ביי מיר אויבן געווען אויפן וואגן — די שטאט איז פארשוואונדן ביי יעדן שפרונג פון די רעדער אויפן שטייניקן ברוק האט מיין הארץ מיטגעטאנצט. ערשט אריינפארנדיק אין דער געוואלדיקער האלע, די בלומען־פארבן, דאס גרינס, דער טומל — כ׳בין צעטומלט געווארן, כ׳בין אריין אין א האזארד פון ארבעט.

אין איין שעה בין איך געווען אפגעפערטיקט: אזא זאק קארטאפל נאכן שווערן הייבן די שווערע אייזן־שטאנגען, די שינעס מיט א „האפ־האפ" איז געווען ממש א שפילכל — אזא זאק קארטאפל האט זיך אריינגעפאסט אין רוקן און מ׳איז געגאנגען מיט אים ווי צו א טאנץ.

דער קרעכצנדיקער האט אנגעקוואלן! געקלאפט מיר אין פלייצע אריין, מיט מיר אין דער „האלע־קנייפע" פארטרונקען איינס און נאך איינס, פארביסן און מיר באצאלט אזויפיל, אז ס׳איז געווען די והותר פאר א גאנצן טאג און נאך מיט א שמיצל אריבער.

ס׳איז נאך געווען צייט גענוג צו מיין ארבעט, אבער מיט די פיר גלעזלעך אין מיין קאפ און דאס רוישיקע פארטאג־לעבן אין דער האלע און די טויזנט ריחות, וואס פאררייסן מיין נאז, און איך האב גענומען שלענדערן, בגילופנדיק, א פרייער מענטש מיט די הענט אין די־קעשענעס. צוקומענדיק צום קייזער פרידריך־מוזעאום, בין איך אריין און אזוי שלענדערנדיק פון זאאל צו זאאל זענען פעלקער און מדינות געשטאנען פאר מיינע אויפגעריסענע אויגן אין זייערע שענסטע קאלירן — כ׳האב נישט געטראכט, נישט קיין סך געוואוסט, אבער דער קאפ איז מיר נאך פרייער געווארן מיט יעדן בילד. און אט איז א באקאנטער, רעמבראנדט—ווי בולט זי שטייט אוועקגעשטעלט אין דער איי־



ביקייט מיט אירע לאשטענדיקע גלידער; ווי דאס סאמעט שנירעלע ארום איר געטאקטן האלז פאלט אריין אזוי שיר־השירימדיק צווישן אירע בריסטן — שני שדיך כשני עפרים! כ׳קאן מיך גארנישט אפרייסן פונם בילד, מיט „די סטאפעלס" שטייט גאנץ האלאנד מיר פאר די אויגן — ס׳איז זעקסע אין דער פרי, איך זיץ אונטער א קו און מעלק זי, די סוזאנא — כ׳שפיר די ווארעמקייט אין מיינע פינגער; „אדם ובהמה תושיע אדוני".

ווען כ׳בין ארויס פון קייזער פרידריך־מוזעאום, איז שוין געווען נאכמיטאג. כ׳בין אריין צו אשינגערן און עפעס איבערגעביסן און גענומען ווייטער שלענדערן — ס׳איז די גאנצע וועלט נאר אזא וואונדערלעכע גאלעריע, יעדעם אויסגעצירטע שוי־פענסטער, אזא אויפגעהענגט בילד — יעדן מענטש קוק איך אן מיט אויפגעריסענע אויגן; כ׳קאן מיך גאר נישט זאט אנקוקן!

פון דער פרידריך־שטראסע האב איך מיך אריינגעדרייט אין דער אראניענבורגער שטראסע און פון דארט וואלטן מיך די פיס מסתם פון אליין ארויפגעפירט צו לעווינען אין דער אויגוסט־שטראסע אדער אפשר נאך גיכער גאר צו די בראנשטיינס. אבער אין הארץ האט מיר עפעס א צוק געטון: „גוסטא"! אריבער די גאס און ווייטער געגאנגען. פאר דער גרויסער אראניענבורגער שול בין איך שטיין געבליבן און זע, אז אויבן אויפן ערשטן שטאק איז דא א לעזע־האלע, וואו מ׳קאן לייענען דייטשע, העברייאישע און יידישע ביכער — איך בין ארויף!

הויכע שענק מיט ספרים און ביכער ביי אלע פיר ווענט. אפענע טירן אריין צו אנדערע שטובן פולע מיט ביכער. יידן אין קאפעליושן, אין קאפלעך, אין בלויזן קאפ זיצן ביי טישלעך און קוקן און בלעטערן. ביי דער פארצוימונג, וואו דער ביבלאטעקאר זיצט, ליגן אויסגעלייגט א ריי ביכער, מסתם צוריקגעברענגטע. צווישן זיי זע איך א ניי בוך. ס׳איז דאס, וועגן וועלכן שניאור האט אזוי גרויס גערעדט — „די פוילישע וועלדער" פון יוסף אפאטאשו. כ׳האב עס געבעטן און מיך אנידערגעזעצט ביי א טיש. כ׳האב מיך דערין אריינגעלייענט און בין געווען אין דער היים; קיינעם נישט געזעען ארום. געמישט א בלעטל נאך א בלעטל — ס׳האט מסתם גענומען שעהן און איך בין אלץ טיפער אריין ווי אין א טיפן, געדיכטן וואלד. פון א קלאפ אין פלייצע האב איך אויפגעציטערט. כ׳האב אבער געפילט, אז דער קלאפ איז א פריינטלעכער, נישט פון אן איבערפאל אינמיטן וואלד. כ׳האב מיך אויסגעדרייט און דער ביבלאטעקאר, וואס האט אויסגעזעען ווי א מרוק, בשעת ער האט מיר געגעבן דעם „זשארגאנישן" ראמאן, איז געשטאנען הינטער מיר און געשמייכלט: „איך שטיי און טראכט, אז א „זשארגאניש" בוך איז אפנים דאך א ספר . . . קוקנדיק אויף אייך ווי איר זענט פארטיפט דערין מיט א תשוקה, האב איך ערשט פארשטאנען די מימרא „העושה צדקה בכל עת זהו הקונה ספרים ומשאיל אותם לאחרים" . . . איר זעט, ס׳איז שוין קיינער נישטא, די ביבלאטעק ווערט איצט שוין געשלאסן. זי איז אבער אפן א גאנצן טאג און אויב איר גיט אן אייער דארעס, קריגט איר ביכער אהיים".

„איך האב אן אדרעס“! האב איך מיך מיט פרייד אויפגעכאפט. גענומען דאס בוך אונטערן ארעם מיטאהיימצונעמען און כדי נישט צו באלעמוטשען, אין דער גיך אנגעגעבן מיין אדרעס: „מולאק־שטראסע 21“.

„יונגערמאן“, האט ער זיך צעלאכט, „דאס איז נאך נישט אזוי איינפאך. ד׳אס מוז אונטערגעשריבן ווערן פון הויפט ביבליאטעקאר, הערר שטערן, און ביי אים איז מולאק־שטראסע נאך נישט קיין אדרעס און א זשארגאנישער לייענער נאך נישט קיין לעזער“.... ער האט זיך ווידער צעשמייכלט און מיך ליבלעך אנגעקוקט מיט אפאר היימישע תלמיד־חכם אויגן: „איר געפעלט מיר, יונגערמאן, איך האב קיין רעכט דאס בוך אייך אוועקצונעמען... ווייסט איר וואס, איך וועל עס פארשרייבן אויף מיין נאמען און איך וועל עס אייך בארגן“. ער צעלאכט זיך מיט הנאה: „ווען דער שטערן זאל דאס וויסן, פארליר איך דעם פאסטן... כ׳וואלט אייגנטלעך מיט אייך געוואלט כאפן א שמועס. מה שמך און פונוואנען איז א ייד און וואס טוט אזא איינער ווי איר?... פון די סעמינאריסטן אדער די סטודענטלעך זענט איר דאך נישט... נאר כ׳וויל נישט איבעררייסן אייער תשוקה. גייט אין אייער מולאק־שטראסע 21 און לייענט ווייטער, און מארגן נאך צען אזייגער מעלדעט אייך ביי מיר און איך וועל שוין אלע פארמאליטעטן דערליידיקן... דער שטערן אז ער האט פאר זיך אן „אסט־יודע“, קאן זיין א רשע“...

איך בין נישט געגאנגען אויף מיין צימערל, אין דער מולאק־שטראסע. איך בין דירעקט אריין אין דער מלינה און מיך געזעצט ביי מיין עק טיש לפני־ולפנים אן ארומגעהלטער אינם עמוד־הענן און אן איבעררייס געלייענט און געלייענט.

איך בין שוין אויך צומארגנס נישט געגאנגען צו מיין ארבעט. אויף אן ארבעס־זופ מיט א להמא עניא מיט מארגארינע איז נאך איבערגעבליבן פון דער נעכטיקער שעה ארבעט און פארן צוריקבאקומען דאס משכון־געלט פאר דער שיסל מיטן לעפל איז געווען א קופעל ביר... און צומארגנס און אויפן דריטן טאג איז דער זעלבער פארמאן ווידער געקומען און אודך — ארויף אויפן וואגן און אי איך האב א הנאה פון דער שעה־ארבעט און אי כ׳האב דעם טאג אדורכצולעבן.

עפעס פעלן מיר חדשים פון יענעם ווינטער, און אפשר איז דער תהום אזוי טיף, אז דער שוואכער זכרון האט דאך כוח זיי אריבערצושפרינגען — צי מוז מען אויף דער עלטער זיך באווייזן וואס פאר א כוח־גברא מ׳האט געהאט ווען מ׳איז יונג געווען! וואס פארענע וואזשנע וונדוירים מ׳האט באוויזן... — מילא, פעלן מיר אפאר חדשים; ביי אזא לעבן איז נאר גרויס וואונדער, אז ס׳גאנצע לעבן איז נישט פארלוירן געגאנגען.

אבער אינגאנצן פארלוירן געגאנגען זענען זיי נישט. אין מיין בוך, „און דו ביסט גאט“, געדרוקט אין לייפציג, ווינטער 1924, איז אין מאנכע לידער אסך פעסט געהאלטן געווארן. דעמאלט איז מיר אפילו גענוג געווען דאס בלויזע פעסט האלטן א ליד אין קאפ, אז איין בילד דערפון זאל מיר בלייבן אין די



אויגן. א ליד איז נישט ס׳זאל געדרוקט צו ווערן, אפילו נישט אויפגעשריבן צו ווערן —- עס זאל שטיין פאר די אויגן! און צי איז דען דאס לעבן אנדערש?

נישט נאר ריח פון די טעג פון אזויפיל צענדליקער יאר צוריק ליגן מיר נאך יעצט אין דער נאז, די ווארעמקייט פון א יונג לייב שפיר איך נאך ציטערנדיק אין מיינע פינגער... אבער איז עס דען נויטיק אפצואוויקלען ווי א פאסמע באוול פון אלטיטשקע, באבישע פינגער? און צי ליגט עס דען נישט שוין פארקנוילט אין הונדערטער פון מיינע לידער?

ליבע? לײדנשאפט? איז עס א באהעפטן מיט מענטש, א צעברעכן פון זיך אליין? און וואס לעבן איז, ווייסן מיר? לײדנשאפט איז גערანגל, ליבע רעלעקס, שלות־הנפש, — דער חיבור דערפון איז לעבן. אבער ווער איז עס זוכה? ערגעץ ווו ווערן אפילו דור־דורות איבערגעריסן — — מיר זוכן דאך אבער די נעבעכדיקע אייביקייט...

ליבער הארענדארף, אפשר ביסטו גערעכט. כ׳האב געדארפט אנהייבן אפאר יאר פריער צו שרייבן די קאפיטלעך פראזע. אבער ווען דו וואלסט געוואוסט ווי יעדעס נישט־אויפגעשריבענע ליד איז אייפערזיכטיק אויף יעדן אזא זייטל, וואס כ׳שרייב אן... לידער זענען שטיקער לעבן און האבן אין זיך אלע גוטע מידות און שלעכטע אייגנשאפטן, וואס יעדעס לעבעדיקע וועזן האט אין זיך... א געלונגען ליד איז ראנגלידיקער שלות־הנפש.

עס זענען דאך גוט געווען פאר מיר די שבת־בין־השמשותן, וואס כ׳האב נישט פארפעלט צו פארברענגען ביי שניאורן. באוואוסט צי נישט־באוואוסט האט זיך געפילט אין דעם נאריש־אויסגעסטראיעטן סאלאן די „בני־היכלא“־שטימונג... איך האב אסך געלערנט אין יענע פארנאכטן, ווי צו זיין און נאך מער — ווי נישט צו זיין... עס איז ארויסגעקומען מחלוקתלעך נישט איינמאל. כ׳האב ווידער ארויסגעברענגט דעם נאמען בערגלאסן, האט ער זיך אנגעצונדן: „לאזט די אוקראינישע חברה... זיי האבן אין זיך נאר פיטשעדיקס, זיי בייסן זיך איין סקורנע און פיטשעדיק, פונקט ווי זייערע לאנדסלייט די אוקראינער... גוט, אייער דוד האפשטיין. דוד דוד לגזירה שווה! וואו איז ביי זיי דא דער גרויסער ווארף, דער שוואונג? כ׳וועל אייך פארלייענען א לידל פון איינעם, א קוויטקא, „דאס פידעלע“. ס׳קאכט זיך, הימל עפן זיך! א גאנצער צימעס“!

„טאקע, טאקע א פיין לידל. עפעס נייעס איז דא דערין אזויפיל עכטע און פשטותדיגע ליבלעכייט,... נישט מנחם און נישט סעגאלאוויטש“...

„וואס פארגלייכט איר? צוויי שונדיסטן! אבער פארגלייכט נאר בערגל־סאנען צו אשן. ער איז לגמרי נישט דאס, וואס מ׳מאכט פון אים — אבער אש האט דאך רחבות, בראוואור, ראזמאך... כ׳וועלן זיי ביידע ווייזן וואס ס׳הייסט ברייטע, סטיליזירט־ראפינירטע פראזע. איך האב שוין גרעסערע פון זיי געוויזן וואס עס מיינט פאעזיע“...

די דיסקוסיעס זענען נאך געווען צו דערליידן, ס׳האט אין זיך געהאנט יינגלישקייט, שפיל, אבער אז ס׳איז געקומען צו דעם, אז כ׳מוז סיסטעמאטיש אנהייבן צו לערנען אן אייראפעאישע שפראך... א יידישער דיכטער קאן

מען נאר זיין אז מ׳קען גרינטלעך איינע פון די אייראפעאישע שפראכן און אז איך האב מיך געוואלט פארטיידיקן — איז עס געווען מיין עצלות אדער איך האב מיר באמת געהאט מיין דורכגעטראכטע פילאזאפיע? — האט ער זיך אנגעצונדן:

„איר זענט א פרא־אדם און איר ווילט בלייבן א פרא־אדם! איר מיינט איר וועט דא ארויפקומען צו מיר אלע שבת און איך וועל אייך ניאנטשען — מ׳מוז האבן א געזונטן באדן אונטער די פיס. פון לופט און ליבע קאן מען נישט לעבן, אפילו לידער שרייבן קאן מען נישט דערפון“.

נאך אזא אנשרייען זיך איז די פארנעמע דאמע, מיט פארוואונדערטן בליק, געשטאנען אין דער טיר. איך האב תחילת געמיינט, אז פון זיינע געשרייען איז זי אריינגעקומען, ס׳איז אבער געווען אויף שניאורס דריקן מיטן קנעפל, וואס איז תמיד געווען אויפן שרייבטיש, פונקט ווי דאס פלעשעלע פארפיום די וואנסעס און דאס פיין־פארשוירענע, פראנצויזישע לאפאטע־בערדל אויס־צו־גלעטן: „ביטע, שטארקן קאפע מיט קאניאק“, האט ער אויסגערופן אין א גוט־קלינגענדיקן האך־דויטש, אבער מיט א פראנצויזישן אקצענט מיט „זיין“ באריטאן־שטימע.

אין איינעם אזא בין־השמשות זאגט ער צו מיר: „יעצט וועט איר אויפגע־ריכט ווערן. ד״ר עליאשעוו, בעל־מחשבות, איז געקומען קיין בערלין. איך וועל אייך געבן מיין וויזיטקארט און איר וועט ארויפגיין צו אים. א, ער וועט זיך שיין מיט אייך נאנטשען“!... ער האט זיך צעלאכט, אז דער קאנדעלאברע האט זיך מיט אלע זיינע קריסטאלן צעקלונגען און צעפינקלט.

דער „בין־השמשות“ האט זיך פארצויגן ביז שפעט אין דער נאכט אריין און כ׳בין שוין נישט אהיימגעגאנגען; ס׳איז שוין נאך האלבער נאכט און מארגן פרי מוז איך זיין דא אין דער געגנט ארויפצוגיין צו ד״ר עליאשעוו.

* * *

ערב פרילינג, בערלין 1921, ווען אן אויסלענדער מיט איין לאנדאנער פונט, א האלענדישן גולדן, אן אמעריקאנער דאלאר, האט זיך געקענט ארומ־שלעפן פון איין קאבארעט אין צווייטן אריין, פון איין נאכט־קלוב ארויס און אין א צווייטן אריין און האלב־מבושמדיק בלאנקען נאך האלבער נאכט אויפן גרעל־באלויכטענעם טומלדיקן קורפירשטנדאם, אין פינסטערן טירגארטן און ענדיקן אין א האטעל נישט מיט איין פרוי, נאר איינע אין יעדן ארעם.

בערלין, 1921, די שטאט פון קולטור און קונסט, פון ליטעראטור און וויסנשאפט, ווו א סטודענט פון א מינדסט מדינהלע האט געקענט לייכט שטודירן מיט א מינימום שטיפענדיום און אהיימברענגען נישט נאר א טיטל דאקטאר, נאך אויך א וועגעריש חלאתל. ווו צווייט־ראנגיקע מאלער און פאעטן האבן געקענט זיצן בהרחבה ביי זייערע עלעגאנטע שרייבטישן און שרייבן זייערע ראמאנען און אין די אטעליעס די מאלערס באמאלן גרויסע לייוונטן מיט ברייטע פענזלען — אז פארב־טובן האבן זיך עקספרעסיאניסטיש נאר אזוי געגאסן און אין די נעכט געפראוועט וואקכאנאלישע נאקעט־טענץ



און שאמפאניער האט זיך געגאסן ווי וואסער. מ׳האט נאר געמוזט אריינקריגן א רייכן אמעריקאנער א „קונסט־מבין“ אדער א בערלינער שיבער, וואס האט געוואלט פטור ווערן פון אביסל מיליאנען־באנקנאטן, וואס איבערמארגן וועלן זיי נישט ווערט זיין זיין טייערן טייסטער, וואס ליגט אים שווער אויף דער ברוסט אין זיין תאווהדיקן בוזעם.

בערלין, 1921, די גאסן זענען פול געווען מיט קאקאטן און מיט קינסטלער פון כל־מינים ראנגען און ביז צום טויט זיך ראנגלדיקע. קורפירשטנדאם, דאס „שטונדן־קוואטיר“ פון די פעלקער ווו מ׳האט ביליק געקויפט און זיך פארקויפט. די אינפלאציע נישט נאר פון די גאלדמארקן, נאר די כל־ערליי פארביליקטע איזמען אין דער ליטעראטור און מאָלעריי ביינאכט געבוירן אין א קונסטלער־„קאשעמע“, אין א „קאווערנע“־מליצה און איבערמארגן שוין אויסגעגאנגען אין א דאך־שטיבל. אפילו דער ערלעך דערפילטער אימ־פרעסיאניזם וואס איז ער קייגן דעם טיף־דורכגעטראכטן אימפרעסיאניזם? א חוץ אפשר וואס די נאך־מלחמה וואקכאנאליע איז געקומען צום אויסדרוק...

ס׳האט גענומען טאגן, שאריען — דער הימל פארשעמט זיך גע־רויטלט! די גאסן האבן געגענעצט, ס׳האט זיך געשפירט פון זיי ווי פון נישט־געוואשענע מיילער. א שפריץ־וואגן האט זיי אפגעשפריצט, אפגערייניקט דעם גאנצן נאכט־שמוץ. איך בין געבליבן זיצן אין א פארקל א האלב־פארשלא־פענער, א האלב־פארחלומטער. דער גאסנקערער, רעדט ער צו זיך, רעדט ער צו מיר? „מיאוסע ברואים, די קאנדאנס מיט זייער פאסקודסטווע לאזן זיי דא ליגן“... אז ס׳האט קיין שום בושה נישט אין זיך“.

בין איך וואך, חלום איך? וואו בין איך אריין, וואו בין איך ארויס? וועל איך מיך צוריקגעפינען? אין מיין קאפ פלאנטערט זיך א פערז:

„איבער מיין זרע האבן זיך זונות צעשלאגן“.

איך כאפ מיך אויף. ביי מיין זייט זיצט אויף דער באנק, דאכט זיך, א באקאנט פנים... דער ביבליאטעקאר האט אונז געהאט פארגעשטעלט: „דער רעדאקטאר פון ׳מזרח־ייד׳.“

„איך ווארט דא, כ׳וויל אריינגיין נעמען אן אינטערוויו מיט ביאליקן. ר׳איז פאר אייניקע טעג געקומען פון דער אוקראינע, פון די פעטליורישע פאגראמען, א פארהונגערטער פון דער רעוואלוציע... כ׳גלויב ס׳איז נאך צו פרי יעצט ארויפצוגיין. נעבנביי, איר האט דאך מיר צוגעזאגט דעמאלט אין דער ביבליאטעק א ליד“.

איך בין צו מיר געקומען: וויאזוי געקענט רעכענען, אז ס׳איז נישט ער? דאס אויסגעמאטערטע, איידעלע פנים איינגערעמט אין דעם שיינעם יידישן בערדל. תמיד אין זיין בוכהאנדלונג האלט ער א קינד אויף דער האנט און דאס שיינע ווייבל זיינס באדינט די קונים...

„ווייסט איר וואס גיט מיר יעצט דעם האנאראר, וועל איך אייך יעצט געבן דאס ליד“.

„וואס הייסט? איר האט דאך מיר דאס געקענט דעמאלט זאגן“.

„יעצט האב איך גראד נויטיק די פאר מארק״.

איך האב מיך געפארעט ביי מיין בוזעמטאש און ער אין זיינער. האט ארויסגעכאפט א נייעם, קנאקנדיקן אינפלאציע־פופציקער. ער האט געגעבן א קוק אויפן זייגער, ווי נישט צו באגעגענען מיינע אויגן און זיך שנעל געלאזט גיין צו כאפן דעם אינטערוויו ביי ביאליקן...

איך האב מיך צוגעכאפט צום צאא־באנהאף מיך ארומצוואוואשן און אביסל שיין מאכן, אויסטרינקען א טעפעלע קאווע: לאמיך טאקע נישט ארויפקומען צו ד״ר עליאשעוו ווי א „פרא־אדם״, און פאר דעם רעשט, וואס כ׳וועל קריגן פונם פופציקער, וועט מיר נאך, נישקשה, סטאיען אין דער מלינה ביז מארגן פארטאגס ווען כ׳וועל כאפן א ניי פארדינסטל — עס וועט בלייבן די והותר.

י. ריכטיגער

## דעם כעלעמער חקרנ׳ס חכמה

טאמער גלייבט איר ניט אז די שולד פאר דער איצטיקער מהומה אין דער וועלט איז דעם כעלעמער חקרנ׳ס חכמה, ליינט ווייטער. זעט, פון ווו ער האט גענומען זיין חכמה, און ווי אזוי זי איז געווארן א פאליטישע פילאזאפיע, וואס אירע אנהענגער ווילן מיט פייער און בלוט ארויפצווינגען אויף אנדערע זייערע אידעען. אין יידיש ווערט די חכמה אנגערופן „משנה שם זיין״: נאמען־בייטונג, די זאך בלייבט דיזעלבע נאר מען פארענדערט דעם נאמען, כדי אימעצן אפ־גענארן.

איר אלע ווייסט, אז איינע פון די אנגענומענע סגולות אין דער אלטער היים צו היילן שווער־קראנקע איז געווען „שנוי השם״: פארענדערן דעם נאמען, אויב די רפואות פון באבעס און פעלדשערס האבן ניט געהאלפן האט דער רב אדער רבי געהייסן „משנה שם זיין״: בייטן דעם נאמען פון חולה. די סקארבאווע נעמען זענען געווען חיים און רפאל. אחוץ דעם האבן מאנכע שטעדט און שטעדטלעך געהאט א טראדיציאנעלן מנהג פאר ווילן א נייעם נאמען — צי דורך א גורל — פון א יארמלקע מיט אנגעשריבנע נעמען אויף קוויטלעך ארויסנעמען איינס, אדער עפענען א חומש און מיט דעם ערשטן פארשריבנעם יידישן נאמען אנרופן דעם חולה.

ווי עס זעט אויס איז די סגולה פון נעמען־בייטן אן אלטע ביים יידישן פאלק, רב יצחק, איינער פון די תלמודישע מיסטיקער, האט געזאגט — „ארבעה דברים מקרעין גזר דינו של אדם״: פיר זאכן פארניכטן א שלעכטן גזר ארויסגעגעבן אויף א מענטש, און איינער פון זיי איז — בייטן דעם נאמען. א באווייז דערויף ברענגט ער פון דעם וואס ערשט נאכן פארענדערן איר נאמען „שרי״ אויף „שרה״ איז זי געבענטשט געווארן מיט א זון. (ראש השנה ט״ז, בראשית י״ז) דיזעלבע דערקלערונג געפינט זיך אין מדרש — „אף שנוי השם״: אויך בייטן דעם נאמען איז מבטל שלעכטע גזירות. (בראשית רבה מ״ד־ט״ו) און עס איז קיין ספק ניט אז די סגולה פון נעמען־בייטן איז אין די פרימיטיווע צייטן געווען זער פארשפרייט, די עטנאלאגישע פארשער האבן פארצייכנט אז



ווילדע שטאמען פון צענטראל אינדאנעסיע פארענדערן די נעמען פון זייערע קראנקע קינדער אפצוגענארן די גייסטער, וואס ברענגען די קראנקייט. (פראזער „פאלקלאר אין תנ״ך״, בוך 2. ז. 172)

איז איינגעפאלן דעם כעלעמער חקרן צו באניצן די סגולה, קעגן קראנקייטן, אפצושטעלן די רעוואלוציע אין צאריסטישן רוסלאנד. ווער עס האט געלעבט אנפאנג פון איצטיקן יאר הונדערט אין רוסיש־פוילן אדער ליטע ווייס, אז סאציאליסטישע פארזאמלונגען זענען ניט געווען דערלויבט, האבן די בונדיסטישע פארטייען אין די שטעדט און שטעדלעך געמאכט זייערע מיטונגען אין די בתי מדרשים אדער קלויזן, ווו מען האט געמעגט צוזאמענקומען דאווענען און הערן דרשות. דערציילט מען אז א חברה בונדיסטן האבן זיך אריינגעכאפט אין כעלעמער בית המדרש אין זומערדיקן שבת נאכמיטאג, ווען דער רב האט געלערנט פרק מיטן עולם, און געצווינגען די אנוועזיקע אויסצוהערן די דרשה פון בונדיסטישן מגיד.

נאכן שיטן פעך און שוועבל אויף די קעפ פון די עקספלואטארן, בלוט־זויגער און דעס גלייכן, האט ער געענדיקט זיין דרשה מיט פארלייענען פון מארקסישטן מאניפעסט, אז מען וועט איינטיילן די נגידישע פארמעגנס צו די ארעמע פראלעטאריער. די כעלעמער, פארשטייט זיך, האבן זיך ניט געלאזט שפייען אין דער קאשע אריין, דער רעדנער האט זיי געמוזט געבן אויסגעהאלטענע ענטפערס אויף אלע „קשה לתרץ״ אדער, ווי מען זאגט אין יידיש, „קלאץ״ קשיות וואס זיי האבן אים געפרעגט. געמיינט האט ער אז די כעלעמער האבן שוין אויסגעשאסן דעם גאנצן פילווער — געפרעגט אלע קשיות — און ער קאן ווייטער אנגיין אומגעשטערט מיט זיין דרשה.

אבער ווען דער עולם האט זיך געהאט א ביסל בארואיקט איז אויפגעשטאנען דער כעלעמער חקרן און אים געפרעגט — זאגטזשע מיר חבר, אז איר וועט צונעמען ביי די נגידים זייער פארמעגן וועלן זיי דאך זיין ארעמעלייט, טא וועמענס פארמעגן וועט איר זיי געבן? זעענדיק אז דער רעדנער איז געבליבן שטיין מיט אן אפן מויל ווי א לעמעשקע, האט דער כעלעמער חקרן, מיט א ברייטן שמייכל אויפן פנים, אים מניה וביה אריינגעהאקט א צווייטע קשיה — פארוואס חבר איז ניט בעסער משנה שם זיין? דער רעדנער איז נאך מער געווארן צעטומעלט און ניט לאזנדיק אים קומען צו זיך, האט דער כעלעמער חקרן ווייטער געזאגט — זעט איר חבר! איך האב באטראכט דעם ענין טיפער ווי איר האט, — לעולם איז אדם הראשון שולדיק אין די אלע צרות ווייל ער האט געגעבן פארקערטע נעמען צו די אלע זאכן וואס זענען באשאפן געווארן... אויב מיר וועלן גוזר זיין אז מהיום והלאה זאל מען ברויט אנרופן חלות, הערינג אנרופן קארפן און פאנצען־טאבעכעס — געבראטענע גענדזלעך... וועט יעדער ארעמאן האבן אויף שבת — חלות, קארפן און געבראטענע גענדזלעך, און ניט דארפן צונעמען פון די נגידים זייערע שבתדיקע „בשר ודגים וכל מטעמים״...

דער בונד, וואס איז געווען די ערשטע סאציאליסטישע פארטיי אין צא־

ריסטישן רוסלאנד, האט ניט אנגענומען דעם כעלעמער הקרנ׳ס חכמהדיקע עצה, אבער די דעמאלט ניי־אנטשטאנענע באלשעוויסטישע פארטיי האט דעם כעלעמער חקרנ׳ס חכמהדיקע עצה אנגענומען און איר דערהויבן צו דער מדרגה פון א פאליטישער פילאזאפיע. — „דיקטאטור רופן זיי אן „דעמאקראטיע״, „שאוועניזם״ רופן זיי אן „טאלעראנץ״, „רעאקציאנערע רעזשימען״ רופן זיי אן „פראגרעסיווע״, „באצווינגונג״ ווערט ביי זיי אנגערופן „פרייהייט״, „אנרייצן צו מלחמה״ הייסט ביי זיי „קעמפן פאר שלום״ און מער פון אלעם איז דאס וואס זיי רופן זיך אן „סאציאליסטישע לענדער״ ווען זייערע געזעצן און עטיק זענען מיט קיין האר נישט מענטשלעכער ווי די פאשיסטישע . . .

דער היסטארישער אמת איז — אז די באלשעוויסטישע פארטיי האט אפגעווארפן דעם סאציאליסטישן אידעאל. דער סאציאליסטישער אידעאל איז — אויפצובויען א וועלט פון שלום מיט דער הילף פון שלומדיקע מיטלען, ניט דורך צוואנג און טיראניי, ווייל לויטן סאציאליזם הייליקט דער שלום ציל אין קיין פאל ניט בארבארישע מיטלען צו דערגרייכן אים. די סאציאליסטישע דענקער האבן פעסטגעשטעלט, אז דער ערשטער יסוד פון סאציאליזם איז דאס שאפן פון א קאמוניסטישע געזעלשאפט, אבער די געזעלשאפט דארף זיך אנטוויקלען פון פרייוויליקע ארבעט אין קאלעקטיוויסטישע אונטערנעמונגען. די ארבעטער וואס וועלן ניט האבן קיין חשק צו ווערן עקספלואטירט פון קאפיטאליזם זאלן זיך פאראייניקן אויפצובויען א בשותפותדיקע עקזיסטענץ, און זעענדיק זייער סוקסעס וועלן זיך קאלעקטיוויסטישע גרופן מערן ביז דאס גאנצע לאנד וועט ווערן א קאמוניסטישע געזעלשאפט.

דער צווייטער יסוד, וואס די סאציאליסטישע דענקער האבן פעסטגעזעצט, איז דיאלאגישע פרייהייט — די רעכט צו קריטיקירן מיטווארט אדער שריפט פאליטישע באשלוסן, אנגענומענע געזעצן אדער עטישע אויפפירונג פון געזעלשאפטליכע מנהיגים. און דער דריטער יסוד איז־טאלערירן יעדנס רעליגיעזע־אמונה אדער טראדיציאנעלן־לעבנס שטייגער, אויב זיי זענען ניט קעגן די מאראלע באגריפן פון פאלק. אט די יסודות פון אמת און יושר זענען געווען די ווינקל שטיינער פון סאציאליסטישן בנין, און עס איז קיין ספק ניט אז מיט דער הילף פון דעם סאציאליסטישן פראגראם וואלט מיט דער צייט אנטשטאנען א דויערענדיקער שלום צווישן די מענטשנקינדער און צווישן די פעלקער.

זענען געקומען אומגעדולדיקע טעארעטיקער מיט דער טענה — אז עס וועט נעמען א צולאנגע צייט ביז דער סאציאליסטישער אידעאל וועט ווערן איינגעפירט, ווייל זער ווייניק מענטשן וועלן זיך פרייוויליק אנשליסן אין די קאלעקטיוויסטישע אונטערנעמונגען, און זיי וועלן ניט קאנען אויסהאלטן די קאפיטאליסטישע קאנקורענץ. זיי האבן דעריבער ארגאניזירט א נייע פארטיי, די באלשעוויסטישע, וואס האט זיך פארגענומען צו פארווירקלעכן דעם ערשטן סאציאליסטישן יסוד — פון א קאמוניסטישע געזעלשאפט — מיט דער הילף



פון צוואנג און טיראניי. פארכאפן א לאנד און קאנפיסקירן דאס פארמעגן פון יעדן איינעם, כדי די גאנצע באפעלקערונג זאל ניט האבן קיין אנדערן אויסוועג נאר זיך צו באטייליקן אין די קאלעקטיוויסטישע אונטערנעמונגען.

מחמת דעם טאקע, כדי אויפצוהאלטן די ארויף געצוווינגענע קאמוניסטישע געזעלשאפט, האט די באלשעוויסטישע פארטיי געמוזט אפווארפן דעם צווייטן סאציאליסטישן יסוד פון דיאלאגישע פרייהייט: די רעכט צו קריטיקירן מיט ווארט אדער שריפט פאליטישע באשלוסן, אנגענומענע געזעצן אדער עטישע אויפפירונג פון די באלשעוויסטישע אויטאריטעטן. הונדערטער טויזנטער מענטשן האבן זייי פארטיליקט אנע משפט אדער פאלש משפטים וועגן חשד צו זיין קעגן באלשעוויסטישן רעזשים אין די פיפציק יאר פון זייער ממשלה, און נאך מער זענען אומגעקומען אין די קאנצענטראציע לאגערס אדער ווערן צעפוילט דארט. פארשטייט זיך, אז זיי האבן אויך אפגעווארפן דעם דריטן סאציאליסטישן יסוד פון טאלערירן יעדנס רעליגיעזע אמונה אדער טראדיציאנעלן לעבנס שטייגער, ווייל ווי יעדער אונטערדריקער ציטערן זיי פאר פרעמדע השפעה.

דערפון איז קלאר צו זען אז דער נאמען „סאציאליסטישע לענדער״ איז ניט מער ווי א פארוואנדלונג פון כעלעמער חקרנ׳ס חכמהדיקע עצה פון „שנוי השם״ אין א פאליטישע פילאזאפיע. אין אמתן איז זייער סיסטעם א פאשיסטישער קאמוניזם, וואס איז בולט פון זייערע מעטאדן, און דאס אנרופן זיך סאציאליסטן באניצן זיי, מיט אלע אנדערע פריער אויסגערעכנטע אנשטענדיקע נעמען, אפצוגענארן די יוגענט פון פרייע לענדער, אזוי ווי מען האט אמאל געברויכט די סגולה פון „משנה שם זיין״ אפצוגענארן די טייוולאנישע — קרענק ברענגער אויף קינדער. אבער זייער אייגענע יוגענט, וואס איז דערצויגן געווארן אונטער דעם טעראר פון פאשיסטישן קאמוניזם און זעט טאג איין טאג אויס די היפאקריטסטווע — די קאנטראדיקציע צווישן הומאניטארע נעמען און אוממענטשלעכע פאקטן — הייבט אן צו רעוואלטירן.

פארשטייט זיך, די באלשעוויסטישע מאכט איז בכח צו אונטערדריקן אן אויפשטאנד פון איר יוגענט און איר געשיכטע זאגט עדות אז דער רעזשים האט ביי איר א גרעסערן ווערט ווי דאס לעבן פון מענטשן, אבער ביז איצט האט פרעמדע יוגענט, ניט איר אייגענע געבלוטעט. דאס פארגאסענע בלוט פון איר יוגענט וועט ארייינברענגען א דעמאראליזאציע אין אירע רייען, מיט דעם בלוט וועט פארצייכענט ווערן דער — „מנא מנא תקל ופרסין״ — טערמין פון צעזעצונג און צעפאל. (דניאל ה׳) ווען אפילו עס וועט נעמען א לענגערע צייט ביז דאס רוסישע פאלק וועט אויפשטיין און צעשמעטערן די פעסטונג פון פאשיסטישן קאמוניזם, וועלן די גאלד באליישטע פאיאצן, וואס זינגען שבחים מיט ווארט און שריפט פון אים, ניט מער קאנען אזוי לייכט פארדרייען די קעפ פון דער יוגענט אין די פרייע לענדער.

שוין איצט הייבט זיך אן דער געוויסן פון די פרייע פעלקער אויסצולייטערן פון ספוטניק פארבלענדונג, זיי הייבן אן צו הערן די זיפצן און

קרעכצן פון די דריי מיליאן יידן, וואס דער פאשיסטישער קאמוניזם האט איינגעקערקערט. זיין גיפטיקע פראפאגאנדע קעגן מדינת ישראל ווערט מער און מער געזען ווי א ירושה פון די אמאליקע רוסישע־שווארצע מאה מיט אירע זקני ציון פאסקווילן. באזונדער דער לעכערלעכער „שנוי השם“ — אנרופנדיק מדינת ישראל אן אימפעריאליסטישע מאכט, ווען דער פאשיסטישער קאמוניזם זוכט צו פארכאפן די גאנצע וועלט. און זיין פאראייניקונג מיט די אראבישע רעאקציאנערע רעזשימען, וואס איז א נאטירלעכער אויסקום פון דער פאליטיק צו פארניכטן די סאציאלדעמאקראטישע לענדער, שטעלט אים אין דער ריי פון היטלעריזם.

דאס איינציקע לאנד, וואס רייסט אראפ דעם צניעותדיקן שלייער פון דער סאוויעטישער מאדאמעכע, איז מדינת ישראל. די כסדרדיקע אנטוויקלונג פון אירע קיבוצים אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען באווייזט אז דער ערשטער סאציאליסטישער יסוד צו שאפן א קאמוניסטישע געזעלשאפט, — מיט דער הילף פון שלומדיקע מיטלען און ניט דורך צוואנג און טיראניי, — מיט דער הילף פון פרייוויליקע קאלעקטיוויסטישע ארבעט איז אויספירבאר. פארשטייט זיך, אויך דער צווייטער יסוד פון סאציאליסטישן אידעאל — דיאלאגישע פרייהייט — די רעכט צו קריטיקירן מיט ווארט און שריפט פאליטישע באשלוסן, אנגענומענע געזעצן אדער עטישע אויפפירונג פון געזעלשאפטלעכע מנהיגים, שטערט ניט צו דער אנטוויקלונג פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט. דאסזעלבע איז איצט, נאכן איינעמען פון אלט־ירושלים, מיט דעם דריטן סאציאליסטישן יסוד, זי וועט באווייזן אז טאלעראנץ פון רעליגיעזער אמונה אדער טראדיציאנעלער לעבנס שטייגער שטייט ניט אין וועג פון סאציאליסטישן קאמוניזם. דערפון איז קלאר צו זען אז די שולד פון דער איצטיקער מהומה אין דער וועלט און די שנאה צו מדינת ישראל איז ניט דער סאציאליסטישער קאמוניזם, נאר דעם כעלעמער חקרנ׳ס חכמהדיקע עצה וואס באלשעוויקעס — יורשים פון די שווארצע מאה — האבן איר פארוואנדעלט אין א פאליטישע פילאזאפיע פון א פאשיסטישן קאמוניזם...

**ח. נ. בענקוויטש**

## יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן

(דער אלטער שניאור ר׳ אבא ווערנער, רב פון מחזיקי־הדת, דיין ר׳ אביגדור כייקין, רפאל מאזין א.א.)

### א. דער אלטער שניאור

דעם ערשטן אידן, וועלכן איך האב געטראפן אין לאנדאן אין 1899, איז געווען דער אלטער שניאור.

מיר זיינען אנגעקומען ביי טאור־ברידזש שפעט ביינאכט און מען האט אונז געהאלטן אויף דער שיף ביז אין דער פרי. מיט א קליין שיפל האט מען אונז צוגעפירט צום ברעג צוזאמען מיט אונזער באגאזש. איך בין געווען דער עלטסטער פון די קינדער, זעכצן מיט א האלב יאר אלט. מיין מוטער מיט



נאך צוויי מיינע ברידער און צוויי שוועסטער, וואס די יונגסטע איז אלט געווען בלויז פיר יאר. מיין פאטער איז שוין געווען אין ענגלאנד קארגע צוויי יאר.

א מאן מיט א „בערע“ (האנטוועגעלע) האט אונז גענומען פירן צום אדרעס, וואס מיר האבן געהאט אויף אילי־פּלייס, א קליין, שמאל געסעלע צווישן פינק־סטריט און טשיקסענד־סטריט.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום הויז קומט פון דארט ארויס א הויכער, שיינער איד, מיט א פריינטלעך, ליכטיק פנים, מיט א שיינער, ניט קיין גרויסער בארד, אן א ראק, אבער אין א גרויסן, וואלענעם טלית־קטן. ווי ער האט אונז דערזעען, רופט ער אויס מיט גרויס שמחה: „א, דעם רבינס קינדער!“ און פירט אונז גלייך צו צו א נייעם אדרעס, וואו אונזער פאטער, ז״ל, האט זיך אריבערגעצויגן. ער האט נאך אלץ שפאצירט אין טלית־קטן.

דער נייער אדרעס איז געווען פראסטיק־פּלייס, פראסטיק־מענשיאנס. א נייע, שיינע געביידע ארום אסבארן־סטריט ביי בריק־ליין. דארט האט מיין פאטער געהאט צוויי גרויסע, ליכטיקע חדרים, א קליינע קיך, א טוילעט פאר זיך אליין. דירה־געלט האט באטראפן צוועלף שילינג א וואך; פאר יענער צייט א לוקסוס, אבער פאר מיין פאטער איז דאס נויטיק געווען צוליבן חדר און לערנען מיט קינדער.

מיין פאטער איז געווען א מלמד, פון די בעסטע. עס קענען נאך דאס באשטעטיקן פילע, וואס האבן ביי אים געלערנט און וועלכע געדענקען אים.

דער אלטער שניאור איז געווען א איד א שניידער, א פרומער און ווייניק געקענט לערנען, אבער פרום און ערלעך איז ער געווען. דער עמוד איז געווען זיין חזקה פרייטאג צו קבלת־שבת אין שול און שבת אין דער פרי. אן אמתער בעל־תפילה.

ער האט געארבעט אין דער וועסט־ענד, וואו אלע גוטע שניידערס האבן געארבעט און געמוזט ארבעטן שבת. אט דער אלטער שניאור האט געארבעט טאקע אין דער וועסט־ענד, אבער, חלילה, ניט שבת; ערשטנס, ווייל מ׳האט אים שטארק ליב געהאט און געהאט דרך־ארץ פאר אים. ער איז דעמאלט אלט געווען ארום דריי און פופציק יאר, זיך געהאלטן שיין, ריין, בכבוד. מ׳האט אים גערופן דער אלטער שניאור.

דאס צימער אויבן האט מען יענע יארן גערופן „די פארלאר“. דא האט מען אויפגענומען געסט און עס איז אויך געווען דאס שלאף־צימער. אין דעם „פארלאר“־שלאפצימער זענען געשלאפן מר. און מרס. שניאור און צוויי מיידלעך, איינע פיר יאר און איינע צוויי יאר אלט. נאכהער איז ביי זיי צוגעקומען א אינגעלע. ביי ר׳שניאור איז עס געווען די צווייטע פרוי.

אין וואס איז באשטאנען זייער מעבל? א בעט, א סאפע, זעקס שטולן מיט א טיש. עס איז דעמאלט געווען אין דער מאדע צו האבן א פליוש־טישטוך און א קאלדרע אויפן בעט. דאס איבריקע איז ניט וויכטיק.

דא איז אבער וויכטיק צו באמערקן, אז האלטן ריין א הויז אין אזעלכע

אומשטענדן איז ניט געווען לייכט. דאך אין דעם הויז האט אלעס געבלאנקט.

דאס צימער אונטן די קיך איז אויך געווען דאס עסצימער, וואו מען האט געוואשן וועש ווען עס האט גערעגנט. ביינאכט איז דארט געשלאפן א שטיף־טאכטער, צוואנציק יאר אלט.

אין פראנט־צימער אונטן האט געוואוינט אן אלט פאר פאלק, מיט צוויי זין, איינער אכצן יאר אלט און איינער צוועלף יאר. אויבן אין „בעק רום" זענען געשלאפן צוויי בחורים, זון און שטיף־זון פון ר'שניאור.

א קורצע צייט האט דארט אויך געוואוינט מיין פאטער.

די פרוי שניאור האט געהאט איר צירונג: א גאלדענעם רינג און א גאלדע־נע קייט אויף שבת צו גיין אין שול אריין. זעלבסטפארשטענדלעך, שבת־קליידער.

ר'שניאור, א הויכער, ברייט־פלייציקער, מיט א גרויער בארד, אויבוואויל אינגאנצן עטלעכע און פופציק יאר, לכבוד שבת אנגעטון אין א פראק און זיידענעם צילינדער, האט אויסגעזעען ווי א פרינץ; א שיינער פרינץ. זיין תפילה ביים עמוד איז געווען הארציק און זיין עברי, אויבוואויל ניט על־פי חוקת הדקדוק, זיס און קלאר ארויסגערעדט. געווען א פארגעניגן צו הערן אים דאווענען.

נאך דער מלחמה אין אפריקע מיט די בורן איז ער מיט זיין פאמיליע ארויסגעפארן נאך עדינבארא, שאטלאנד. מיט עטלעכע יאר צוריק בין איך געווען אין עדינבארא, האב איך זיך נאכגעפרעגט אויף דער פאמיליע. איבער־הויפט זיינער א זון איז געווען כמעט חבר מיט מיר, אויבוואויל עלטער פון מיר אפשר מיט פופצן יאר, איז שוין געווען טויט. נאר דעם ר'שניאורס אן אייניקל האט זיך פארבעריייטעט צו קומען קיין לאנדאן אריינצוגיין לערנען אין א ישיבה.

## דוד בערמאן

### א בחורס - ניגון

פון אלע מיינע טרוימען,
איז גארנישט ארויסגעקומען;
פון אלע מיינע זיסע חלומות,
איז געווארנארען בלויז צרות —

איי יאיי — איי יאיי יאיי — יאיי — — —

געליבט אמאל א מיידל,
זיס און פיין און איידל,
האט זי גענומען מיט א צווייטן גיין,
בין איך געבליבן גאנץ אליין —

איי יאיי — איי יאיי יאיי — יאיי — — —



## שמואל ווהייט

### די לעצטע רויז

די לעצטע רויז ווי אן אבל שטייט,
אויף ערד ליגט טויט ארום פארשפרייט;
דער הימעל צעטריפט זיך מיט טרערן,
מיט יללות לאזט דער ווינט זיך הערן . . .

## עלען ווינאגראד

### פרינץ ראובני (פון דוד בערגעלסאן)

מוזיק פון לאזאר וויינער

א דערפאלגרייכע אויפפירונג אין דער „פאלקסבינע" (דורך מיינע אויגן)

די „פאליסי" פון דער „פאלקסבינע" איז צו גיין העכער ווי דאס יידישע טעאטער אליין. זיי זיינען נישט פאראינטערעסירט סתם אט אזוי צו שפילן יידיש־טעאטער. און מיט רעכט. אויב עס זיינען פאראן מעגלעכקייטן פון צייט, רעזשי, מאטעריעלע אויסגאבן, פארוואס דאס נישט פארוואנדלען אין עפעס פאזיטיוועס? עפעס וואס איז נישט אין די ראמען פון פראפעסיאנעלן יידישן טעאטער? דאס יאר האבן זיי געמאכט גאר א געוואגטן שריט.

דוד בערגעלסאנס „פרינץ ראובני" איז נישט קיין לייכטע אויפפירונג. די היסטארישע פיגורן קענען נישט פארטרעטירט ווערן נאך א שאבלאן. יעדע געשטאלט מוז פאר זיך אליין אויסגעהאמערט ווערן; יעדער כאראקטער איז א לעבן פאר זיך אליין.

די פיעסע איז בזארבעט און רעזשיסירט געווארן פון דעם באוואוסטן רעזשיסאר דוד ליכט. פון דעם פראגראם, וואס ווערט געטיילט אין טעאטער (אויף ענגליש) דערוויסן מיר זיך, או די אקציע קומט פאר אין זעכצנטן יארהונדערט. די פלאמען פון דער שפאנישער אינקוויזיציע דערשלאגן זיך צום הימל, און טויזנטער יידן פארשווינדן אין זיי. א גרופע יידן, וועלנדיק זיך ראטעווען, אנטלויפן אויף א קליין שיפל קיין פארטוגאל, וואו די בלוטיקע האנט פון דער אינקוויזיציע קען זיי נישט דערגרייכן. אויף דער שיף ווערט גערעדט, אז א יידישער פרינץ מיטן נאמען „ראובני", וואס שטאמט פון א ווייטן ווייטן לאנד, וואו זיין ברודער איז קעניג, וויל ראטעווען די שפאנישע יידן. דער קעניג פון פארטוגאל האט נאך אים געשיקט און אים צוגעזאגט הילף. פאר דעם זאל דער פרינץ ראובני גרינדן א יידישע ארמיי און העלפן דעם קעניג קעמפן קעגן טערקיי, וואס באדראט זיין קריסטלעך לאנד. ארום דעם דרייט זיך די אקציע, דיאלאגן און פאסירונגען.

די פיעסע איז פול מיט קאלירפולע פיגורן און אינטערעסאנטער אקציע.

דער וויכטיקסטער כאראקטער אין דער פיעסע איז, פארשטייט זיך, פרינץ ראובני. ער פארקערפערט אלץ, וואס איז טייער דעם יידישן הארץ: העלדיש־קייט, דעם יידישן חלום, האפנונג, מוט, גוטסקייט און חכמה.

אויך איז דער „פאלקסבינע" געלונגען צו אנגאזשירן אן אקטיאר, וואס קען דאס אלץ פארקערפערן. מיכאל מיכאלאוויטש איז געבענטשט מיט אלע פיזישע אטריבוטן פאר דער ראל. זיין הויכע פיגור, שיינע באריטאן־שטים פאסט זיך צו צו אלע דעטאילן פון דער ראל. דער שטאלצער קאפ און קלוגע

מעבר לים, ממדינה למדינה,
צומאל דאס שווארצן צווישן גרענעצן — —
א לאנד אן יידן, כאטש לייג דיך אין מארק,
און אויפן קול זיך צוצוגענעצן.

דריי מיליאן זיינען אין סאוויעטרוסלאנד,
און זעקס אין די פאראייניקטע שטאטן — —
א וווּנדער אז די גרויסע זיינען זיי?
פאר א ייד כאטש צאל איצט מיט דוקאטן.

ש.

---

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער זשורנאליסטן

און ליטעראטן פאריין

איינלאדונג צו אונזער

## לעבעדיקע צייטונג

וואס וועט פארקומען

זונטיק, דעם 12טן מאי, 1968 פונקט 3 א זייגער

21 DEAN STREET, LONDON, W.1

אונטער דער רעדאקציע פון יוסף פרענקעל

1. ארץ־ישראל — 20 יאר — י. געווירץ („דזשואיש קראניקל")
2. יידיש־אראבישע באציאונגען — י. נאטאני
3. פוילן און די יידן — מ. זילבערבערג
4. טשעכאסלאוואקיע און די יידן — י. זאנטאג

(י. זאנטאג איז איצט געווען אין פראג)

איינטריט פריי — קומט אין צייט

---

שבת, אחרון של פסח — די 10'טע יארצייט פון בן־א סאכאטשעווסקי.

שבת, דעם 27'סטן אפריל — א פארטראג פון סעם לעף.

שבת, דעם 4'טן מאי — יעקב ריכטיקער: דער ענין פסח־שני.

שבת 11'טן — א ל"ג־בעומר פראגראם. זינגען וועלן מאיר באגדאנסקי און מאדאם נאדלער.

---

אויגן נעמען אייך ארום מיט א בליק פון אן אומדערשראקענעם אדלער, און איר זייט גרייט צו גיין מיט אים אין פייער און אין וואסער.

אייגנטלעך דאכט זיך, אז די הויפטראל אין דער פיעסע דארף זיין שלמה מולכו. מיט אים קומט פאר אן אויסערגעוויינטלעכע מעטאמארפאזע. מיר זעען אים קודם אלס סעניאר דיעגא פירעס, א רייכן פארטוגעזישן אריסטאקראט און מאראן. אין פארלויף פון דער אקציע ווארפט ער אראפ פון זיך די אריס־טאקראטישע קליידער, ווערט א פרומער ייד און מיט פאסטן און תשובה ווערט ער כמעט א הייליקער. ער וואנדערט פון לאנד צו לאנד אנצוזאגן דאס קומען פון משיח.

שלמה מולכו און פרינץ ראובני זיינען צוויי סימבאלן: גייסטיקער כוח קעגן פיזישער גבורה. שלמה מולכו ווערט זער גוט געשפילט פון דוד ראגאף.

עס זיינען פאראנען נאך כאראקטערן, אויף וועלכע ס'איז כדאי זיך אפצו־שטעלן, ווי דינה, דאס יונגע מיידל, א מאראנערין, וואס איז פארליבט אין שלמה מולכו און ווערט זיין געטרייע דינערין און קנעכט. זי ווערט געשפילט פון דיאנא ציפקין, א יונגע אקטריסע, וואס פארמאגט א שיין פנימל, א זיסע סאפראנא־שטים, אבער צו ווייניק דערפארונג פאר דער ראל.

מינה קערן און צפורה שפייזמאן שפילן צוויי אינטערעסאנטע ראלן: דיאמאנטא דאפוזא און בענווענידא אבארבאנעל,ביידע פארטוגעזישע אריס־טאקראטישע דאמען, וואס העלפן דעם יידישן קאמף פאר באפרייאונג. זיי שטעלן מיט זיך פאר צוויי אימפאזאנטע פיגורן.

באזונדער אינטערעסאנט איז דער קארדינאל, געשפילט זער רעאליסטיש פון שעפטעל זאק.

דורך דער גאנצער פיעסע וויקלט זיך אדורך די הילפלאזיקייט פון די יידן, אבער אויך דער העלדישער קאמף צו בלייבן לעבן; נישט אונטערצוגיין. די פיעסע ענדיקט זיך מיט די סימבאלישע ווערטער פון פרינץ ראובני: „דו קעמפסט, מיין פאלק; דו לעבסט, מיין פאלק".

דאס מאל האט די „פאלקסבינע" געבראכן זייער טראדיציע און צוגעצויגן צו זיך א צאל פראפעסיאנעלע אקטיארן. איך בין נישט זיכער צי דער שריט איז א געלונגענער. עס זעט זיך ארויס א געוויסער דיסאנאנס אין שפילן. איין זאך איז זיכער, „פרינץ ראובני" איז א דורכאויס צוגעפאסטע פיעסע פארן יידישן טעאטער, און אפילו פאר אן אפערא. די ראמען פון דער „פאלקסבינע" זיינען אביסל צו באגרענעצט פאר דער אויפפירונג.

עס פאדערט זיך א גרויסע בינע מיט א פערספעקטיוו, וואס זאל אייך ברענגען די אילוזיע פון היסטאריע. די הויפטראלן מוזן געשפילט ווערן פון דערפארענע אקטיארן, אויב זיי זאלן נישט פארלירן פון זייער וויכטיקייט.

איך בין זיכער, אז „פרינץ ראובני" וועט נאך אסך געשפילט ווערן.

יעדנפאלס קומט א גרויסן דאנק און אנערקענונג צו דער „פאלקסבינע" פאר זייער פארנעם, געשמאק אין אויסקלייבן רעפערטואר און, דער עיקר, פאר זייער וועג ווייזן.

זיי זיינען א שטערן אויף דעם טונקעלען הימל פון יידישן טעאטער אין ניו־יארק.

א ברייטע טעטיקייט פלעגט אנגיין אין דאזיקן פאריין אויפן יידיש־ליטעראַרישן געביט. מען האט דארט געהאלטן וויכטיקע רעפעראטן איבער פארשיידענע פראבלעמען און אויך ליטעראַרישע פאראנשטאלטונגען. פאר מנשה ווייסגראז איז דאס געווען א פעלד, וואו זיך אויסצולעבן.

זענען מיר דאך עדות, אז אפילו דא אין לאנדאן וואו מנשה געפינט זיך מיט אונז האט זיין אינטערעס אין גייסטיק־יידישן לעבן און יידישער קולטור נישט אויפגעהערט. זיין גייסט און ענטוזיאזם זענען כסדר ווי אין די אמאליקע יארן. ער ליבט ווייטער דאס יידישע ווארט, די יידישע ליטעראטור און טרעפט מען זיך מיט אים פריוואט, זעט מען זיין פיעטעט צום יידישן בוך; ער צאצקעט זיך מיט זיין אייגענער ביבליאטעק פון יידישע ביכער, אנגעהויבן פון די קלאסיקער ביז צו די יידישע שרייבער פון היינט־צו־טאג.

אליין שרייבט ער אויך פון צייט צו צייט א גאנץ פיין ארטיקל.

בעיקר האט ער דא אין לאנדאן זיך געווידמעט זער אקטיוו די „יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס”, געפירט פון א. נ. שטענצל, וואו מנשה ווייסגראז לייענט אפט פון אלטע און יונגע יידישע שרייבער. זיכער פארשאפט דאס אים פערזענלעך א גייסטיקע באפרידיקונג, אבער אויך די צוהערער האבן א פארגעניגן פון זיין גוט פארלייענען.

יא, מנשה ווייסגראז איז זער באהאוונט מיט דער יידישער ליטעראטור און אפשר וואלט ער אליין אויך געווארן א יידישער שרייבער ווען ער ווילט נישט אויס צו ווערן א סוחר. מעגלעך, אז אזוי ארום האבן מיר טאקע אין אים פארלוירן א שרייבער, אבער דאס איז שוין א ריין פערזענלעכער ענין. דאך האט ער עד־היום כסדר געצויגן זיין גייסטיקע יניקה פון יידישן ווארט, פון דער יידישער קולטור; עד מאה ועשרים שנה!

ביי אונז יידן זאגט מען, אז בן־שמונים לגבורה. דאס הייסט, אויב מען דערגרייכט צו אכציק יאר איז מען א גבור און אפשר באקומט מען טאקע כחות צו דערלעבן ביז הונדערט און צוואנציק. דערלויבן מיר זיך דעריבער מנשהן צו באצייכענען אלס אכציק יאר „יונג”... יא, עס פאסט אויף אונזער בעל־יובל. איז ער דאך טאקע נאך יונג סאי קערפערלעך סאי גייסטיק.

אין דעם זין ווינטשן מיר אים, אז ער זאל ווייטער זיין געזונט און שטארק און גייסטיק יונג צוזאמען מיט זיין לעבנס־באגלייטערין נאך אויף לאנגע, לאנגע יארן און טאקע מיט אונז אלע צוזאמען.

## די הגדה

אלע זיינען דעמאנט אין דער הגדה,
אפילו רבי יהודה מיט די סמנים,
נאר נישט ער, משה, דער שקלאפן־באפרייער,
דאס איז דאך זיכער נישט בחינם אפנים.

איז עס נישט געווען די טיפע חכמה,
דעם באקאנטן „פערזאנען־קולט” אויסצומיידן?”



א מין מחלה, וואס טויזנטער יאר שוין,
ביז היינט צו טאג, רעוואלוציעס דערפון לייַדן.

זיכער! אויך דעם „מחני נא מספריך”,
זיין העכסטן אנשטרענג פארן פאלק צו דערמאנען:
דער נאמען טאקע אויסגעמעקט בלויז דער מענטש,
דער „איש משה” אין יעדער שורה פאראנען.

דער מחוקק, דער שקלאפן באפרייער,
אבער וואס אלץ מ׳טוט נישט אין נאמען פון געזעץ;
און דער „עבד כי ימלוך” צילט מיט זיין פויסט,
דירעקט אין הארצן אריין דעם שמערצלעכסטן זעץ.

## גאמולקא

אפנים, א גאמולקא גאר פון שניי,
וואס צעגייט ווען די זון קומט ארויס;
ווארום אויף מינדסטן קזשאקל, ווי דארניק,
גייט דאך אין זון אויף ארויטע רויז.

פאליטיק וויל דאס מאכן און צאפן,
פסחוווקע פון דער כותל־וואנט?
אז אויף א בלוט־בלבול אונטערוווארפן,
קוים סטייעט אים ס׳ביסעלע פארשטאנד.

נישט מילעכיק נישט פליישיק — א שניי־מענטש!
א פארוועניו, א שבת־גוי כלאפ!!
פאר א טרונק בראנפן הייצט עס דעם אויוון,
און נעמט די לייכטער פון טיש אראפ.

יציאת־איראפע, צי עליה,
אפשר דאס געווען זיין מיין? א, ניין!
ס׳האט געבילט: „זשידזשע דא פאלעסטינה”,
ווי פון ערגסטן הונט אזוי געמיין.

## „זיין אדער נישט זיין” איז איצט די פראגע...

די פראגע איז נישט גאלד, אטאם־באמבעס —
וויפיל יידן אין לאנד מען וועט האבן!
נו, אז וואס איז פון פוילן געווארן?
מעג זי זיך נישט לעבעדיק באגראבן?

אז צו וואס נוצט גאלד שוין, מישטיינסגעזאגט?
און אטאם באמבעס נאר צו צעשטערן!
אבער אביסל יידן מ׳האט אין לאנד,
און ס׳זשאבן, מסחר, טוט נישט אויפהערן —

געגומען. זײַרע בילדער, אין גרויסן פארמאט, האבן אראפגעשיינט פון די בלעטער פון אלע ענגלישע צייטונגען, די „ניו־יארק טיימס“ איינגעשלאסן. עס איז שווער צו וויסן צי דער גרויסער סוקצעס פון אידא קאמינסקא איז געווען איר בינע־טאלענט צי איר פערזענלעכקייט; און אפשר אביסל פון ביידע.

אויך נאך לאנגע יארן אין דער געשיכטע פונם יידישן טעאטער אין ניו־יארק האט די ענגלישע פרעסע ענדלעך געפונען עפעס, וועגן וואס עס לוינט זיך צו שרייבן. ווער ווייסט?

פארשטייט זיך, אז די יידישע פרעסע איז באלד געגאנגען אין די זעלבע טריט. רעצענזיעס און בילדער האבן זיך באוויזן אויף די שפאלטן פון „פארווערטס“ און „טאג מארגן זשורנאל“. אויך אן אפענע דערקלערונג מצד אידא קאמינסקא וועגן דער יידישע פראגע האט אביסל געהאלפן.

זי האט אויפגעפירט נאך א פיעסע, „מוטער קוראזש“ פון בערטאלד ברעכט, וועלכע איך האב צו מיין באדויערונג נישט געזעען. איך פארשטיי, אז „מוטער קוראזש“ האט נישט אזוי אויסגענומען ווי „מירעלע אפרת“; דער אלטער כשוף פון גארדין האט געפעלט. יעדנפאלס האט אידא קאמינסקא גאסטראלירט מיטן גרעסטן סוקצעס איבער 3 מאנאטן.

די קרוין פון איר באזוך אין ניו־יארק איז געווען דער באנקעט, וואס איז געווארן איינגעארדנט אין איר כבוד דורך דער יידישער אקטיארן־יוניאן אין דעם טעאטער „לעקסיקאן“, אנגעפירט פון זלמן זילבערצווייג. דאס איז געווען א פאלקס־באנקעט־פארזאמלונג, וואס איז פארגעקומען אין א פראכ־פולן זאאל פון א גרויסן האטעל אויף בראדוויי. טויזנטער מענטשן פון אלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאפט זיינען געקומען אפגעבן כבוד אידא קאמינסקאן. עס זיינען געקומען אזויפיל מענטשן, אז עס איז נישט געווען קיין פלאץ פאר זיי אין דעם ריזיקן זאאל און זיי האבן אנגעפילט די קארידארן. דער הויפט־עווענט איז געווען די רעדע פון אידא קאמינסקא וועגן איר מוטער, אסתר רחל קאמינסקא, אויף וועלכע אלע האבן אומגעדולדיק געווארט. ווען זי האט זיך אויפגעהויבן פון ארט צו רעדן, האבן אלע פארזאמלטע זיך אויפגעשטעלט. עס האט אויסגעבראכן א שטורם פון אפלויז, וואס האט געדויערט עטלעכע מינוט.

איר פנים האט געשטראלט מיט גליק און דער עולם האט זי באוואונדערט. זי איז געגאנגען זייער שיין געקליידעט, אויפן העכסט מאדערנעם אופן, אזוי ווי א האליוואוד פילם־סטאר.

אויפן אוונט איז אויך געזאמלט געווארן א גרויסע סומע געלט פארן יידישן טעאטער־לעקסיקאן.

אידא קאמינסקא האט פארלאזט ניו־יארק אין פולן גלאנץ פון אנערקענונג.

און מיט דעם באריכט וויל איך היינט ענדיקן. וועגן פאעזיע, שרייבער, נייע ביכער, קולטורעלע אונטערנעמונגען, יידישע־ראדיא־טעטיקייט דאס נעקסטע מאל.

איך דאנק אייך.



## יוסף הלל לעווי

### ווייטשעפל

א ארימע יידישע געגנט,
איך זע דיך און ס׳גלויבט זיך מיר קוים, —
אז דא אונטער חורבות באגראבן
עס ליגט אויך מיין הייליקסטער טרוים...

וואס איך האב געוועבט און געשפינען
אין טרערן, אין בלוט און אין פיין, —
פון גאלדענעם פרייען באגינען,
פון אייביקן גליקלעכן זיין...

## אייזיק גאלדבערג

### מנשה ווייסגראז — א בן - שמונים

אז מ׳וויל עפעס זאגן אויף פראסט פשוט יידיש־לשון וועגן אונזער בעל־יובל, איז אט־וואס: מנשה איז געווארן אכציק, ביז הונדערט און צוואנציק געזונטע, גליקלעכע יאר און צוזאמען מיט זיין לעבנס־בעגלייטערין, די פרוי זיינע מילי. זאלן זיי האבן אסך נחת פון זייערע ליבע קינדער, אייניקלעך און אזוי ווייטער און ווייטער.

אבער דערמיט איז דאס נאך אלץ נישט אפגעטון, ווייל מנשה ווייסגראז איז נישט דער מענטש, וואס ווידמעט זיין גאנץ לעבן בלויז פאר זיך אליין און זיי ענגן משפחה־קרייז, נאר אויך דער יידישער געזעלשאפט, יידישער קולטור און בכלל דעם יידישן ווארט. אט דאס אלץ איז זיין לעבן עד־היום. תמיד און אומעטום האט ער געזוכט די געהעריקע יידישע סביבה, וואו זיך אויסצולעבן און נישט סתם פאסיוו, נאר טאקע אקטיוו. דערפאר באגריסן מיר דאס אים אלס אונזער מנשה, מחמת קומענדיק אין קאנטאקט מיט אים אויף די דערמאנטע געביטן פארשאפט ער אונז א נחת־רוח.

פערזענלעך גערעדט, איז מנשה ווייסגראז מיינער א לאנדסמאן, א בן־עיר פון לאדזש און אזעלכער איז ער מיר נאך געווען אין די יוגנט־יארן. אבער באזונדערס האט ער זיך פאר מיר אנטפלעקט במשך פון די צוויי צענדילק יאר, וואס מיר האבן געלעבט אין בערלין. דארט האט ער זיך זער אינטערעסירט מיטן יידיש־קולטורעלן און ליטערארישן לעבן, אפילו אויפן פאליטישן געביט; ער איז תמיד זער גאענט געווען צום „בונד“.

מיר האבן זיך באזונדערס דערנענטערט איינער צום אנדערן ביי דער אנטשטייאונג פונם „לאדזשער לאנדסמאנשאפטס־פאריין“. אט דער לאדזשער פאריין אין בערלין האט געשפילט א וויכטיקע ראלע אינם יידישן לעבן. עס איז געווען א קליינער יידישער פארלאמענט פאר בלערליי ריכטונגען פון רעכטס ביז לינקס. דארט האבן זיך געפונען סאי ציוניסטן און בונדיסטן סאי אגודהגיקעס און סתם פאלקס־יידן.

שוין געוואויער ווערן. — אומבאדינגט“.

ווען ער האט מיר געגעבן די דרייסיק דאלאר האט זיין פנים געשטראלט און זיין קלארער־בליק דורך דער פענסנע האט אויף מיר געקוקט מיט א טאטעדיקער פרייד.

## עלען ווינאגראד

## א שטילקייט נאכן געוויטער

(דורך מיינע אויגן)

יא, א שטילקייט נאכן געוויטער, דאס איז דאס יידישע לעבן אין לאנדאן נאך ניו־יארק. עס איז דא אזויפיל זאכן צו דערציילן, אז איך וועל דאס היינט מאכן בקיצור און זיך בלויז אדורכגליטשן איבער די אומגעציילטע יידישע, קולטורעלע אונטערנעמונגען, וואס איך האב בייגעוואוינט, אנהויבנדיק נאטירלעך מיטן יידישן טעאטער אין ניו־יארק.

עס ווייזט זיך אויס, אז עס קען אלעמאל זיין ערגער ווי שלעכט, ווייל דאס יאר האט דאס „אנדערסאן־טעאטער“, טראץ גרויסע באמיאונגען, נישט אריינגעטראפן מיט דער פיעסע; א פיעסע, וואס איז געווארן איבערזעצט פון אן ענגלישן „היט“, מיטן נאמען „אנא לוקאסטא“, איז פארוואנדלט געווארן אין א כמו מעלאדראמא, מיטן אומגלויבלעכן טיטל „די כלה האט פארבלאנדזשעט“. דא האבן מיר געזען, אז וואס אמעריקאנער האבן ליב, קען דאס יידישע פובליקום נישט לייכט פארדייען.

איך גיי זיך דא נישט אריינלאזן אין קיין אויספירלעכע רעצענזיע. עס איז גענוג צו זאגן, אז איך ווינטש דעם „אנדערסאן־טעאטער“ א בעסערן דערפאלג אין אויסוואל דעם נעכסטן סעזאן. אמן; יא, לאמיך נישט פארגעסן דא אויף דעם ארט צו באמערקן, אז די צוויי קינסטלער און זינגער פון ישראל, וואס דזשייקאפ דזשייקאבס האט געבראכט צו גאסטראלירן, דזשעני קעסלער און אדריאן סטאר, האבן זיך פארדינט א בעסערן גורל.

וועגן די אויפפירונג אין דער „פאלקסבינע“, פרינץ ראובני, האב איך באזונדער גערעדט און, ווי איר געדענקט, שטארק געלויבט.

צאלרייכע קאנצערטן און פארשטעלונגען זיינען פארגעקומען אין לויף פון אונזער באזוך אין אמעריקע, אונזער אייגענע פארשטעלונג איינגעשלאסן. עס ווילט זיך דערמאנען דעם יערלעכן קאנצערט פון שרה און חיים פערשקא: שרה, די אויסגעצייכנטע יידישע זינגערין און חיים איר מאן, א באוואוסטער מוזיקער, קאמפאזיטאר און סאליסט, וועלכער טוט איר אויך באגלייטן אויף דער פיאנא.

דער „טשוואק“ איז געוועזן די פארשטעלונג פון זשורנאל „די צוקונפט“, וואס ציילט זיך פאר דעם וויכטיקסטן עווענט אין יידישן קולטורעלן לעבן אין ניו־יארק. זיי האבן געהאט א גרויסן דערפאלג סיי מאטעריעל סיי קינסטלעריש. אמת, דאס ווערט זארגפעליק צוגעגרייט שוין א לאנגע צייט פריער. פארגעסט נישט, אז אין ניו־יארק איז דא וואו צו מאכן רעקלאמע. די יידישע צייטונגען,



„דער פארווערטס“, „דער טאג־מארגן־זשורנאל“, די יידישע ראדיא, האלטן אין איין אנאנסירן און לאזן דעם יידישן עולם נישט פארגעסן. אויך צאלרייכע ארגאניזאציעס און צווייגן פון ארבעטער־רינג און נאציאנאל ארבעטער־פארבאנד צווישן זייערע מיטגלידער, אזוי, אז דער דערפאלג איז געזיכערט.

דאס מאל איז די פארשטעלונג פארגעקומען שבת, דעם 6טן יאנואר, אין א גרויסן טעאטער, וואס געהערט צו דער „נידל טרייד־פאשיאנס“. דאס איז א טעאטער מיט אלע פיטשעווקעס: ליכט, רעפלעקטארן, מיקראפאנען, דעקאראציעס, אלץ. דאס טעאטער איז גרויס. איך גלויב, אז עס נעמט אריין ארום 2000 מענטשן.

די פארשטעלונג איז געוועזן שיין. אמבעסטן האט אויסגענומען דער צווייטער טייל, וואו דער זשעני פון איציק מאנגער האט געשוועבט אויף דער בינע. איך רעד דא וועגן זיינע מגילה־לידער. ווי פראכטפול דאס איז! לייכט און שפילעוודיק. אסתר המלכה, מרדכי הצדיק, המן, דער קעניג, די מלכה. דאס אלץ אויסגעזונגען פון דוד עלען — א יונגער פאלקסזינגער און שפרה לערער, וואס איז אייך נישט פרעמד (איר געדענקט זי פון אירע אויפטריטן דא מיט בן־ציון וויטלער ע״ה). און אויסגעטאנצט אין קאסטיומען פון דער וואונדערבארער טאנץ־גרופע, אנגעפירט פון פעליקס פיביך. איך גיב אייך דא די דעטאילן, כדי איר זאלט זען די רייכקייט פון יידישן טאלענט אין ניו־יארק אין געגנשטאנד צו די באגרענעצטע כחות אין לאנדאן.

דער ארבעטער־רינג פאראנשטאלטעט אויך כמעט יעדע וואך קאנצערטן פון יידישן ווארט און ליד, אנגעפירט פון יוסף מלאטעק, מיט גרויס דערפאלג.

די גרעסטע טעאטער־פאסירונג אין ניו־יארק דעם סעזאן זיינען געווען די אויפטריטן פון אידא קאמינסקא מיט איר טרופע אויף בראדוויי. איידער זי איז געקומען קיין ניו־יארק זיינען פארגעקומען אין פוילן פארשידענע פאליטישע פאסירונגען, וועלכע האבן געהאט א גרויסן איינפלוס אויף די יידישע טעאטער־באזוכער אין אמעריקע. אויך די יידישע פרעסע איז נישט געווען זיכער אין וואס פאר א טאן צו שרייבן וועגן איר. עס האבן זיך אפילו געהערט קלאנגען פון באיקאט. קיינער האט נישט געוואוסט וואו ער שטייט.

די יידישע אקטיארן־יוניאן האט באלד פון אנהויב אנגענומען א פאזיטיווע שטעלונג, אפגעווארט זי מיט א דעלעגאציע ביים לופט־פלאץ און איר גלייך איינגעארדנט א גרויסן באנקעט. די ענגלישע פרעסע האט דערווייל אויך געשוויגן.

דאס ערשטע האט זי געשטעלט „מירעלע אפרת“. נאך דער פרעסע־פרעמיערע, וועלכע מיר האבן אויך בייגעוואוינט, איז געווארן א שטורם פון אוואציעס. די בינע איז פארוואנדלט געווארן אין א גארטן. דורך די צאלרייכע בוקעטן און קוישן בלומען. מען האט זי ארויסגערופן נאך אמאל און נאך אמאל. עס איז געווען א גרויסער טריאומף.

די ענגלישע פרעסע איז ארויס מיט ריזיקע ארטיקלען און לויבגעזאנגען פאר אידא קאמינסקא טראץ דעם וואס איר טרופע האט נישט שטארק אויס־

אז דאס ביורא האט שוין געשמעקט מיט דארף, מיט זון, מיט אפענער ערד... עס האט שוין גענומען ארבעטן אין מיר!

אויף די פארמיטלונגס־ביוראס האט מען נישט נאר געגעבן אן אדרעס, וואו צו פארן, פויערים־פארמערס, בעלי־בתים האבן זיך ארומגעדרייט צו זעען וואס זיי קריגן און באלד מיטצונעמען, אט אקייגנאיבער איז דער שטעטינער באנהאף און באצאלט פארן בילעט —

ס׳איז געווען א פויער, א „יונג־געזעלע״, אן אלטער בחור, און די נסיעה אין דארף אהין האט נישט גענומען קיין גאנצע צוויי שעה.

ס׳עסן איז געווען גוט, געשלאפן אין א שטעלעכל ביי דער שטאל. דאס בעט־געשטעל איז אויסגעבעט מיט א פרישן סנאפ שטרוי און דאס היי־קישל האט געשמעקט מיט קלאפער.

איך בין געווען דער איינציקער מאן. איינע פון די שיקסעס האט געהאט א קינד פון א רוסישן סאלדאט, א מלחמה־געפאנגענעם, וואס האט דא געארבעט אויף דער פארם. יעצט האט זי אונטערגעלעבט מיטן בעל־בית דעם „יונג־געזעלן״. מיר האבן אלע געגעסן ביי איין טיש און זיך געפילט משפחהדיק.

זיי זענען געווען גוט צו מיר און געקומען אפט צוהילף, אז זיי האבן געמערקט ווי די ארבעט איז איבער מיינע כחות. יא, זיי האבן מיך ליב באקומען. מיר האבן זיך פארשטאנען. — אפנים די נאטור איז גוט און מאכט דעם מענטש גוט. אבער נאך מער: דיין אינסטינקט ווערט א טייל פון דער נאטור!

כ׳האב קיין ביכער נישט מיטגעהאט, נאר דעם „קנאבן וואונדער־הארן״, וואס כ׳האב אים געטראגן ביי מיר אין טאש — כ׳האב אים אפילו געטראגן אין בוזעם־טאש פאר א סגולה... און נאך דער ארבעט האב איך שוין געהאט מיינע שטילע ווינקעלעך: ארויס צום סאסנע־וועלדל, ביי א ברעג פון טייך, אויף א בעלקע הינטער דער סטאדאלע ווען כ׳בין מיד געווען. געזעסן מיט מיינע דמיונות, געבלעטערט אין בוך, געדרעפטשעט אין די לידער. די לייכטקייט פונם פאלקסטימלעכן און דער ארום האט מיר געהאלפן אויפצונעמען אפילו ווען נישט געווי פארשטאנען. לידלעך האב זיך אנגעהויבן צו זאמלען אין מיין בוזעם־טאש.

די נאטור ארום, דאס משפחהדיקע מיט די מענטשן, די ארבעט, דאס שרייבן כמעט יעדן טאג א לידל — כ׳האב געפילט ווי כ׳וואקס, ווי יעצט ערשט איז יעדעס לעצטע לידל דאס ריכטיקע...

ווי האט דער עלטערער ברודער, דער אונגארישער בחור, געזאגט, „איז דאך אלץ גוט, טויג עס ערשט נישט!״ — אין איינעם א טאג האט זיך באוויזן ביי מיר גריזשלעס אויפן נאקן! איז עס געווען די שווייסיקע ארבעט אויף דער ברענענדיקער זון, די אומריינקייט אין שטאל, אין שטעלעכל, דאס שטעכיקע היי־קישעלע, די חזירישע, גויאישע עסעכצער? און אפשר „אנגעשטעקט״?... דער היפאכאנדער אין מיר הייבט אן צו ארבעטן אויף אלע כלים: אז דאס גאנצע לאנד איז אנגעשטעקט, די ערד איז פול מיט באצילן, מיט מיקראבן, האנאקאקן... דו זעצסט דיך אנידער אויף א „ברעטל״ און



ביסט — „פראנצעוואטע״! אדער איז עס דער קראנקער בחור, וואס גריזשעט זיך אין מיין מוח אין מיין הארץ? דער דמוון־דעמאן!?...

איך מעלק, כ׳ריין די שטאל, כ׳טו די נייטיקע ארבעט אויפן פעלד, אבער איך ווייס נישט וואס איך טו... און ערשט ביינאכט די ווילדע חלומות: ס׳איז שוין זיכער דער צווייטער סטאדיום, דער דריטער...

איך פארטרוי מיך פאר דער מאריאנע — די אנדערע האט אויך געהייסן מאריאנע, די מיטן קינד. זי באטאפט עס, זי באשמירט עס מיט א מאשטש יעדן אוונט, אבער ס׳ווערט ערגער — עס נעמט אייטערן! עס איז שוין אזוי, אז אראפווארפנדיק ס׳רעקל ביי דער ארבעט, ארבעטנדיק אין העמד קאן עס שוין יעדערער זעען: זי ראט מיר צו פארן אין שטאט אריין צו א דאקטאר, און קוקט מיך צוויי־דייטיק שמייכלדיק אן, אבער בארואיקנדיק.

איך בין נאך דעם זעלבן אוונט געפארן קיין בערלין. גענומען א ביליק האטעל־צימערל ביים שטעטינער באנהאף. צו א דאקטאר צו גיין איז שוין געווען שפעט און ס׳איז אויך בעסער צו גיין „דערמיט״ דירעקט אין „שאריטע״! כ׳האב מיך אביסל ארומגעוואשן און געפארן צו ד״ר עליאשעוו.

„פרא אדם!״ האט ער מיך ווי א טאטע מיט פרייד מקבל־פנים געווען: „איך זוך דאך אייך ווי מיט ליכט. וואו זענט איר פארפאלן געווארן? איך האב דאך פאר אייך דרייסיק דאלאר! איר ווייסט וואס דאס הייסט? איר קאנט פארדעם געלט קויפן א הויז אויפן קורפירשטן־דאם... דאס ערשטע קאפיטל פון „אין שניט־צייט״ און איניקע לידער האבן זיך אפגעדרוקט. די פראזע אין ,מארגן־זשורנאל׳ און די לידער אין דער ,צוקונפט׳.״

די פרייד האט פון אים ארויסגעשריגן און איך, שטאטס מיך מיטצופרייען, באגייסטערט צו ווערן, שטיי פארטון אין מיינע מחשבות: און אפשר טאקע מיך משואל־עצה זיין, אים וויזן, ער איז דאך א דאקטאר... איך האב אים מיט א מיושבדיקן שמייכל אנגעקוקט און מיין פארגאפטער בליק ווערט שטיל.

ד״ר עליאשעוו האט זיך בארואיקט, מיך געבעטן זיך זעצן: „אבער באמת ווי וויזט זיך א מענטש נישט אזוי לאנג? כ׳האב ביי שניאורן געקלונגען, אין קאפע נאכגעפרעגט... יא, כאפט ער זיך און דאס פנים, פארציט זיך טרויעריק, קלינגט למען־השם ביי שניאורן נישט אן, ער איז גארנישט אויף דעם עולם. כ׳האב גארנישט געוואוסט, אז ער האט אין זיך אזא אדער... א דיכטער אפנים איז דאך א דיכטער! דוד פרישמאן איז געשטארבן און ער איז אויס מענטש... כ׳וועל אויך איצט אהינגיין אין הויז פון דער משפחה. שניאור האט איינגעארדנט משמורות, אויך מיר אנגעקלונגען... דער טויט אפנים פארשיט יעדן תהום.

„יא, לאמיך נאר נישט פארגעסן צו געבן אייך די פאר דאלאר! איר זענט דאך נאך נישט טויט. איר ווילט דאך ערשט אנהייבן צו לעבן... אבער געדענקט מיט א מאס! עס איז אסך מאל ערגער מיט געלט ווי אן געלט״... גיט ער אנצוהערן מיט א צוויי־דייטיקן שמייכל.

„אבער דיעלא פא דיעלאם, פארגעסט נישט און זייט אומבאדינגט זונטאג עלף אזייגער אויפן ביח־החיים. כ׳גלויב אויף שענהויזער אלעע. איר וועט

ר׳האט אפנים דאך נישט געקענט ארויס מיט דעם, וואס דריקט אים און דערדריקט אים; עפּעס געפילט א שטיקל חרפה, א באליידיקונג און אנגעהויבן גאנץ פון „אנהייב“:

„מיינט נישט, דער מארקגראף איז טאקע א היימישער היצעל — אבער א ציוויליזירטער! ווען ער זעט אייך דעמאלט אין דער הייסער מינוט, קנאלט ער אייך אנידער; אבער טאקט האט ער דאך.

„ביים אריינקומען דעמאלט שבת ביינאכט אין ביורא נאכן געהאלט, זאג איך אים, אז איך קאן בלייבן ארבעטן, נאר בתנאי — ער האט געמיינט, אז ס׳האט א שייכות צו אייך און זיך אויפגערעגט: ׳צו ארבעטער האב איך גארנישט! ליידיקגייער, ארומשלעפּער, לידער־שרייבער, וואגאבונדן!׳ איך האב אים געלאזט אויסשרייען און אים דערקלערט, ׳וואס וועט ווערט זיין מיין געהאלט, אז איך וועל עס אצינד נעמען און ווייטער דא בלייבן ארבעטן? ליגנדיק אין מיין טאש וועט עס דערווייל אנטווערטעט ווערן... מיר, איך מיט מיין ברודער, וועלן דא אפּארבעטן דעם גאנצן סעזאן און ביים ענדיקן נעמען אונזער געהאלט׳.

„קלוג, יודע, אפּגעמאכט! האט ער זיך גיפטיק צעלאכט. אבער דאך מיט הנאה. אפּירגעקומען פון אונטערן שרייבטיש און געקלאפּט מיר אין פּלייצע: ׳אפּגעמאכט, יודע׳. נאר פלייסיק געארבעט — פארשטאנדן?“

„ביים ענדיקן דעם סעזאן, האט ער מיר אויסגעצאלט א פּאק באנקנאטן. אפנים אויסגעזוכט קליינע, און געציילט שכורלעך־גארגלדיק. געוואלט נאכמאכן א יידישן פערד־הענדלער. ׳צופרידן, יודע?“ דער פּאק באנקנאטן זיינען קוים אריין אין אונזער וואליזע.

„נאך דעם זעלבן טאג אנקומענדיק קיין בערלין, האבן מיר עס אויסגעטוישט אויף וואלוטע, און ס׳איז געווען א שפּאר ביסל מזומן צו לעבן דערפון א שיינע פּאר וואכן“.

„דאס האט איר מסתם אייך אויסגעלערנט פון אייער בוכהאלטונגס־קורס, וואס איר האט אזוי פלייסיק אין די באגינענס שטודירט, נאך איידער די ארבעט האט געברענט“, ווארף איך אריין לאכנדיק.

„איבעררייסט נישט. מיר האבן טאקע דעם בריוו־קורס אויפן גוט געענדיקט און באשטאנען די פּריוואונגען, און מיר האבן באשלאסן א צוויי וואכן זיך אנצוקוקן בערלין און אין איין וועגס זיך אומקוקן צו קריגן שטעלעס אלס בוכהאלטערס“. ער בלייבט שטעקן א וויילע, זיין פּנים איך נשתנה צורה און ער הייבט ווייטער אן מיט א פארענדערט, געדעמפּט קול:

„איז דאך אלץ גוט, טויג ערשט נישט... מיר לעבן דאך אין א לאנד וואו ס׳ברענט; וואו יעדע רגע קאן ברענען אויף אייך די הויט“...

איך קוק אים אן און ער בויגט זיך צו מיר צו ווי אנצופארטרויען א סוד: „מיין ברודער האט זיך אנגעשטעקט. וואס איך האב נישט איינגעטענהט מיט אים: נאר נישט קיין וויטישע!... א גאסן־פרוי איז אונטער קאנטראל... ס׳איז א מענטשלעכע זאך און זי ווייסט וואס זי פארקויפט דיר... אבער אין אזא צייט, ווען די הויט ברענט אויף דיר, ווער קאן האלטן קאנטראל?... אז די מענער קומען פון די גוטע הייזער, פון די בעלי־ביתישע טעכטער און שטעקן אן די גאסן־פרויען“.

ער בלייבט שטיין ווי איינער, וואס וויל עפּעס באטראכטן, נאר ער קאן זיך נישט העלפן און ברעכט אויס: „כ׳זאג אייך, מ׳מוז אנטלויפן פון דא, מ׳מוז זיך ראטעווען... די מדינה איז אריין אין פערווערזער נעווראזע און ווער ווייסט וואוהין דאס וועט פירן... צו א היסטערישע פּסיכאזע!“

איך קוק אים אן מיין פּנים איז מסתם אויך נשתנה־צורה. כ׳פּיל ווי א שוידער נעמט מיך אדורך. „איך גיי מיט מיין ברודער אין שפּיטאל אריין, קוים פאר שעה צוריק פון שאריטע. פול געשטאפּט. מען שטייט אין די רייען... מיין ארעמער ברודער איז נאך א גוטער פאל. עס דערטאפּט נאך ביים ערשטן סטאדיום... און ווי דאס יינגל קווענט זיך, נעבעך, שוין א האלב־טויטער... מערקט זיך דעם נומער און קומט ארויף אמאל, אבער קיין פּיפּס נישט!“

ער איז ארויף צו זיין פארצווייפלטן און קראנקן ברודער, און איך בין געבליבן שטיין אינמיטן גאס ביי א געסל־ראג פון דער רוישיקער פרידריך שטראסע, וואו די „הויט ברענט אויפן לייב“.. וואס קאן זיך א יונגער מענטש העלפן? די געבליטן אין אים זענען שטורמיקער פון אים, און די נאטור ארום — נאך ברויזנדיקער.

ווילאנג דער קאפּ האט געארבעט, יעדעס געפיל פייערדיק זיך פארוואנדלט אין א לעבעדיק ווארט, ווארעם זיך אויסגעבריט פּישטשענדיק ווי פייגעלעך פון די אייער־שאלן, בין איך געגאנגען אויף דער פּאפּירענער בריק... דער קעפּ האט געארבעט, געשוועבט אין עולם הדמיון און אט די אלע ברואים זענען געווען צום באטראכטן, צו פילאזאפירן, צו האבן מיטלייד — צו ווערן א בילד אין א ליד! קאן באצילן, זיי גופא, דערפילן?...

וויאזוי ראטעוועט מען זיך?! „עם מנובל בך משכהו לבית המדרש“, אבער אז אריינקומענדיק אין די אלע רבנים־סעמינארן האט עס מיך פּשוט ארויסגעיאגט... איז וואו טוט מען זיך אהין? ס׳איז דער אייינציקער וועג נאר די ארבעט, דער „בזיעת אפּך“ — דער גוף אליין רייניקט זיך און טובלט זיך און דו ווערסט הייליק... איך מוז צוריקגעפינען דעם וועג צום פעלד, צום דארף . . . איך ווייס נישט ווי די שניאורס, די לעווינס, די מאקס... אפשר האבן זיי געפונען דעם וועג איך האב אים נישט, איך מוז מיך ראטעווען... איך מוז גיין מיין אקסן־וועג, וואס איך האב אים מיר שווער אויסגעטרעטן.

און ביי דעם ערשטן בעסטן פארמיטלונגס־ביורא פאר לאנד־ארבעטער, וואס אראפּ צו דעם שטאניער־באנהאף, זענען זיי געווען איינס ביים אנדערן און אין די אנהייב מאי־טעג, ווען ס׳איז דער ברען פון פעלד־ארבעט, וואס יעדע האנט אויפן דארף, אין א גוט, איז גוצלעך, האב איך אנגענומען א שטעל. יא, שוין היינט! וואס גייען מיך אן יענע לידלעך... יא דרוקן, נישט דרוקן?

עס האט לאנג געדויערט. איך האב אים אנגעזעען אין פנים וואס ס׳געפעלט אים און וואס ווייניקער... כ׳האב עס אויך ארויסגעהערט אינם אטעמען.

„ווייסט איר וואס, איך זע דאך, אז איר האט אויך פראזע, לאזט דאס גאנצע פעקל דא. כ׳וועל מאכן אן אפקלייב און שוין זעען וואס מ׳קאן טון״, האט ער זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט. זעענדיק, אז איך האב מיך אויך אויפגעשטעלט, האט ער שנעל אויסגעשריגן, ווי עפעס וויכטיקס, „ווארט צו א ווײַלע, כ׳האב געטראכט ביים לייענען אייערע לידער, עס אייך צו געבן״. און ער איז צו צו א ביכער־שאנק און — מאדנע — כ׳האב געווארט צו הערן דאס שארן פון איין פוס און דאס נאכשלעפן פון אנדערן, אבער אזוי שנעל און ממש יוגנטלעך ווי ער איז צו צו דער ביכער־שאפקע, אזוי פלינק איז ער צום טיש צוריקגעקומען און דאס, וואס ער רעדט, האט מען געזען איז איבער־געלייגט און עס האט צוטון מיט וואס ער האלט אין דער האנט מיט דער דעה עס מיר צו געבן און מיט מיר — וואס כ׳וועל עס באקומען:

„א וואונדערלעך פאלק די דייטשן, א מלחמה פארלוירן, א קריג, רעוואָ־לוציע און גארנישט. ווי די קעץ שטייען זיי אויף די פיס... מ׳קאן ביי לערנען, אבער מ׳מוז וויסן וואס... מ׳טאר זיך נישט לאזן אנשטעקן פון די קאפּע־קינסטלער... זיי הרגענען אוועק א טאלענט, ערגער ווי אן אנשטעקנדיקע חולאת... איר זענט נאך יונג, איר מוזט עסן ברויט, איר האט נאך געזונטע ציין צום קייען און א מאגן צו פארדייען. „און מיט א כארכלדיק געלעכטער אויסגעלאזט: „זעט איר, איך האב מיך אויך שוין אנגעשטעקט; איך גראם שוין״.

ס׳האט געדויערט א ווײַלע, ווי ער וואלט זיך פארטראכט, ווי געווארן פלוצלינג אפהענטיק און זיך דאך געשטארקט:

„דא האט איר א מתנה פון מיר, איר זאלט עס לייענען. דאס איז אן אומאויסשעפּלעכער קוואל נישט ליבע־גראפאמאניע פון אנאניסטן״.

דאס בוך איז געווען „דער קנאבן וואונדער־הארן״, א זאמלונג פון דייטשע פאלקסלידער, געזאמלט און ארויסגעגעבן נאך אין דער צייט פון די דייטשע קלאסיקער.

* * *

... אזוי פילט זיך מסתם א מוטער, וואס האט אוועקגעגעבן דאס קינד צו אן אם; זי טאפּט זיך כסדר ביים בוזעם, עפעס איז דארטן נישט ריכטיק: דאס פעקל מיט כתבים, וואס איך האב מיט זיך אזוי געטראגן חדשים, יארן אין מיין בוזעם־טאש און ס׳האט זיך פארגרעסערט, דאס פעקל, און געוואקסן, ווי עפעס לעבעדיקס, האב איך מער נישט געהאט. א ליידיקייט אויפן פלאץ, אן אומרואיקייט — כ׳גיב כסדר נערוועז א טאפּ: „ס׳איז נישטא!״ הער איך ווי כ׳שעפּטשע ארויס נערוועז מיט די ליפּן. „גוט, רעד איך אליין ווי צו מיר, כ׳מוז דאך אפּווארטן אפּאר טאג, א צוויי־דריי וואכן כאטש. ר׳האט דאך געגעזאגט ר׳וועט אפּקלייבן, אויסזוכן. — אזא זאך מוז דאך דויערן, ס׳נעמט צייט. אין א צוויי־דריי וואכן וועל איך ארויפגיין״.



אלץ ריכטיק, וואויל, גוט געזאגט, אבער צו מנוחה קומט עס נישט; די מנוחה איז פון מיר אפּגעטון. נישט כ׳האב מיך געקענט קאנצענטרירן צו לייענען, נישט כ׳האב געשריבן. יעדער שפּינענדיקער געדאנק, יעדעס פאר־וואנדלטע געפיל אין ווארט איז איבערגעריסן געווארן ווי א שפּין־געוועב. אזא מין משוגעת, רחמנא לצלן! טראכט איך, לאכנדיק פון מיר, אבער ס׳העלפט נישט — די נערוועזיטעט איז מסתם אויך פארבונדן געווען מיט דעם פריידיקן דערווארטן מיך שוין צו זעען געדרוקט...

צווײמאל שוין צוגעגאנגען ביז דער גאס ארום בלייב־טרוי שטראסע, ארום באנהאף בעלווי, אבער דאך מיך באהערשט: מ׳מוז דאך יענעם געבן צייט. וואלט איך כאטש געהאט איבערגעלאזן מיין אדרעס! האב איך מיר נישט געקענט מוחל זיין.

אזוי האב איך מיך ארומגעשלעפּט אן א ציל גאנצע טעג און גאנצע שעהן אפּגעזעסן אין דער סטודענטן־קיך, וואו מ׳האט געקענט קריגן א היימיש גלעזל טיי, א יידישלעך מיטאג פאר א ביליקן פרייז, און כאפּנדיק א שמועס מכוח ליטעראטור מיט אן „אייביקן סטודענט״, וואס גענעצט אפּ שעהן איבער א גלעזל טיי, דערזע איך די צוויי אונגארישע ברידער, מיט וועלכע כ׳האב געארבעט אויף א מארקגראפן־גוט אין פּאמערן. — מיר דערפרייען זיך!

איך פרעג מיך אויף דער מעלקערין מיט די צעשאקלטע צוויי אייטערס אין פארשווייסטן בוזעם. „יא, און וואלדי וואס טוט?״

„יא, וואלדי דעם הונט האט דער בעל־בית דערשאסן!״ און טאקע זי די מעלקערין איז די שולדיקע; וואס האט נישט אויפגעהערט פון אייך צו דער־ציילן, האט אויך דערציילט, אז איר האט געשריבן א געדיכט איבער וואלדי. האט דער משוגענער מארקגראף אויסגעלאדן זיין גאנצן כעס אויפן הונט —

„כ׳זאג אייך ס׳איז געווען א נס, וואס איר זענט פארשוואונדן. וואלדי האט אייך אויסגעלייזט״...

בשעתן לעפלען די זופּ, איינגעהילט אין איר הנאהדיקער פּארע, איז מיר דער דאקל געשטאנען א לעבעדיקער פאר די אויגן... זיינע דעגענערירטע, לאנגע אויערן ציטערן... ער שטייט אויף די הינטערשטע פיס און בעט זיך ווי א קינד, וואס וויל זיך שפּילן...

ווען איך בין פארטיק געווארן מיט דער זופּ, זע איך ווי דער עלטערער ברודער טארעט דעם יונגערן פארוואס ער עסט נישט די יויך, „זי איז דאך שוין קאלט!״ ער זעט, אז איך וויל מיך ארײַנמישן אים צו העלפן, גיט ער מיר א שטויס אין פוס, כ׳זאל שווייגן. איך כאפּ א זייטיקן בליק און באמערק, אז עפּעס איז דער מער: די אפּאטישקייט, די בלייכקייט, דער פרעמדער גלאנץ אין די אויגן.

נאכן אפּעסן האבן מיר דעם יונגערן באגלייט ביז צום הויז פון זייער צימער: „ער מוז זיך צולעגן אויף א שעה. ער איז מיד״... און דער עלטערער האט מיך גענומען אונטערן ארעם ווי אן אייגענעם, פאר ווּעמען מען קאן אויסגיסן ס׳שווערע הארץ.

## יוסף לעפטאוויטש

### שיינדל

ווי זאל איך דיר זאגן
וואס דו ביזט פאר מיר ?
בין איך דער זינגער,
ביזטו דער שיר.

אויב מיין ליד
קלינגט ווי א געשריי,
איז עס ווייל איך לייד,
וואס דיר טוט וויי.

אז דער ווינד בלאזט,
און דיין הויז פאלט איין,
וועל איך דיר בויען א ניי הויז
פון מיין געביין.

מיין טאכטערל שיינדל,
הינטער דיין הויט
שטייט א פעסטער בנין
וואס איך האב פאר דיר געבויט.

## א. נ. שטענצל

### ד״ר עליאשעוו

ווען כ׳האב אנגעקלונגען איז שוין געווען ארום עלף אזייגער. א ווײַלע געווארט און גארנישט געהערט. מיטאמאל שלעפט זיך א פוס און א צווייטער שארט זיך נאך, און ס׳הערט זיך א געפליוך פון רוסישע ווערטער, ווי זיי וואלטן זיך בייזערן אויף עמיצן.

ווען די טיר האט זיך געגעבן אן אימפעטיקן עפן־אויף, ווי איינער וויל דערמיט געבן אנצוגעהערן: אזוי פרי שטערט מען איינעם אין שלאף ?... איז פאר מיר געשטאנען א נערוועז־פארמענצעטער, אויפגערעגטער מענטש מיט אפאר רויט־געלאמעוועטע אויגן. דער אויסגעדארטער, פיבערדיקער גוף פארוויקלט אין א וואלענעם שלאף־ראק, אויף די נאקעטע פיס שטעקשיך.

די רוסישע ווערטער, איבערגייענדיק אין דייטש, „טשטא, מען איבער־רייסט א מענטשן אין זיין בעסטן שלאף !״... אבער זעענדיק ווי די זון רייסט זיך אין דער אפענער טיר אריין, אדער איז עס געווען שניאורס וויזיט־קארטל, וואס איך האב שוין באוויזן צו דערלאנגען, האבן זיך די רויט־געלאמעוועטע אויגן פריינטלעך אנגעצונדן און ברייט געעפנט די טיר. און אזוי איין פוס שארנדיק, א צווייטן שלעפנדיק, דורך א טונקעלן קארידאר מיך אריינגעפירט אין א גרויס ליכטיק צימער. (עס הייסט : דורך לונאטשארסקיס באמיען איז דר. עליאשאוו ארויסגעפארן זיך קורירן אין אייראפע.)



קוים ענדיקנדיק דאס, וואס שניאור האט אנגעשריבן אויף זיין וויזיט־קארטל, האט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט א כארכלדיק געלעכטער : בין איך דאך אריינגעפאלן מיטן אין די געדיכטע... טוט זיך דאך אפנים דא יא עפעס... זשענירט זיך נישט, נעמט ארויס אייערע געדיכטן. נעשה ספר ונחזה... אז שניאור שיקט, איז מען נייגיריק...

ער זיצט שוין ביים טיש און קוקט אויף מיר, וואס איך שטיי נאך און באטראכט מיין אומבאהאלפנקייט, בשעת איך האב מיך געפארעט ביי דער בוזעם־טאש, איבערלייגנדיק וואס ארויסצונעמען פארצולייענען. מיין שטיין אזוי, מיין דארפישע אומבאהאלפנקייט, מיין הארעפאשנע געזונטקייט, מיין יונגקייט, מיין צעגלאנצטער קאפ־הער, די פארגאפיעטע, בלויע אפלען, זענען אפנים פאר אים אויך געווען א מין וויזיט־קארטל מיט א הסכמה — אונזערע אויגן האבן זיך באגעגנט און כ׳פיל : ס׳נעמט מיך ארום א היימישע ווארעמקייט.

ער האט אפנים נישט נאר מיך באטראכט, נאך אויך שוין דערזעען די קאטשערעס און לאפאטעס אויף די צעקנייטשטע פאפירלעך אין מיינע הענט.

„ווער איז דא דער מבין ? ווער ברויך אויסצוקלייבן ?״ וויל ער עס מיר לייכטער מאכן מיט א ווערטל און פאלט אריין מיט אן ערנסטן טאן : „די העברעאישע לערער, די מלמדים מיט די געטאקטקע כתב־ידן, מיט די פיין־ליניִרטע בייגעלעך פאפיר... וואס מער קאליגראפיע, אלץ גרעסער די קאליקע... און וואס מיינט איר, נאך דער רעוואלוציע איז עס דארט אסך אנדערש ?... אז מען דערמאנט זיך אין די ימי־פרץ, ווען א ווייסנבערג איז געקומען מיט א מאנוסקריפט און געסקריפעט מיט די שטיוול ווי אן אגער, וואס קאן נישט איינשטיין״.

מיין אומבאהאלפנקייט און נישט־זיכערקייט רעגט אים אפנים אויף און ער שטרעקט אויס נערוועז פונם וואלענעם שלאף־ראק ארויס א צארטע, שלאנקע האנט מיט ציטערנדיק־באוועגלעכע פינגער : „ווייזט שוין אהער אייער פעקל יוצרות, איך וועל מיך שוין אויסגעפינען אין אייערע הערגליפן״...

ער קוקט לאנג אויפן כתב זיך צוצוגעוויינען צו די אותיות, כדי צו קאנען לייענען : „ריכטיק״, שמייכלט ער צו מיר מיט הנאה : „פאעזיע מוז נישט נאר באשטיין פון בילד, פון מעטאפערן, נאר יעדעס אות מוז אויסזעען ווי א פויגל, ווי א פליענדיקער באטשאן״.

איך זע ער איז שוין פארטיפט אין לייענען. ער דערגראבלט די פענסנע הינטערן שלאף־ראק. וויל ער דעם שטערן א גלעט טון אדער צוגלעטן די האר אויפן קאפ ? אלץ אין אים איז אויפן ארט. מיטן זשמור פון די אויגן איז דאס רויט־געלאמעוועטע פון זיי אוועק, זיך ערגעץ באהאלטן הינטער די פענסנע. די שארפע ליפן אונטערן וואנסעלע קלוגיטשק פארשפיצט און דאס זיך רויטלדיקע פנים שפריצט פון חכמה און גוטסקייט.

איך האלט איין דעם אטעם און הער יעדן דעך פון זיין ברוסט און זע ווי זי באוועגט זיך מיט אזא ריטמישער באוועגלעכקייט. איך דערקען אין זייטל וועלכעס לידל ס׳איז און לייען עס מיט אין געדאנק.

מיט דער ביקס אין דער האנט
געשלאגן זיך ווי א העלד,
געטראפן אים א קויל פון שונא,
אוועק איז ער פון דער וועלט.

און גאנצע נעכט נאך אים
איך וויין און קלאג,
און בעט ביי גאט
עס זאל ווערן טאג.

און ווען דער טאג קומט
און די זון הייבט אן שיינען,
טרינקט זי אויס מיינע אויגן
פון א גאנצע נאכט וויינען.

ווי גרויס מיין ווייטאק נישט זיין,
איין טרייסט איז מיר געבליבן:
מיין קינד האט זיין לעבן געגעבן
פאר אונזער היים און וועלט־יידן.

און יעדן טאג איך גיי
צו דער מערב־וואנט,
און איך דאנק גאט —
מיר האבן אונזער לאנד!

## קאזשימיעזש וויעזשינסקי
## י ש ר א ל

עס זענען געפארן פוילישע דיפלאמאטן,
סאוויעטישע בריוו־טרעגער,
מיט מאסקווער פאסט
צו ווארפן שווארצן גורל אויף ישראל,
אין א מיטל־געריכט אויסצורופן
א טויט אויף איינעם אומגעזעען.

וואו איז דא די וואנט פון געוויין,
וואו דא שטייניקער אומגליק פון פארצייטנס,
וואו איז עס וואו יידן קומען זיך צונויף?
אהין וויל איך גיין,
שטיין מיט זיי,
נייגן מיין קאפ,
א פאלאק וואס האט זיך נישט צו שעמען!

פון פויליש — א. אלמוג



## ח. נ. בענקוויטש
## יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן

### ב. הרב הגאון ר׳ אברהם אבא ווערנער (רב דמחזיקי־הדת בלונדון)

א הדרת־פנים, מיט א שיינער, ווייסער גרויסער בארד און ליכטיקע אויגן און איינער פון די געציילטע רבנים ציוניים פון יענער צייט, ווען אזוי־פיל רבנים און פרומע יידן האבן גערודפט די ציוניים.

איך געדענק ווי ישראל זאנגוויל האלט א רעדע אין שארדיטש טאון־האל. ער האט דאמאלס שטארק אטאקירט די ייק״א און דעם באראן הירש מיט זיינע מיליאנען. מיר דוכט זיך, אז חכם משה גאסטער איז אין דער טשער און ביי זיין זייט שיינט ארויס דאס ליכטיקע פנים פון הרב ר׳ אברהם ווערנער, וואס פאר אונז ציוניים איז עס א גרויסער כבוד. און נאך עפעס, וואס קען ניט פארגעסן ווערן.

מיר ציוניים ארגאניזירן א נאציאנאל־פאנד טאג מיט א דעמאנסטראציע אין דער איסט־ענד. מיט אונזערע פאנען גייען מיר דורך בריק־ליין פארביי דעם רבס וואוינונג, זינגענדיק „התקוה״, „שם במקום ארזים״, „כנען, מיין הייליק לאנד״. יידן פרייען זיך, אבער פיל לאכן אונז אויס. פרומע לאכן, קעגנער רופן אויס שטעך־ווערטלעך. אבער דער חשובער רב עפנט ברייט אויף זיין פענסטער, שטעקט ארויס דעם שיינעם קאפ זיינעם מיטן ליכטיקן פנים און גריסט אונז מיט ליבשאפט און הארציקייט.

דאס בלייבט אין מיין זכרון אין משך פון מיין גאנץ לעבן.

אט דער רב הגאון איז געווען א דעלאגאט צום צווייטן ציון־קאנגרעס אי באזל, אין יאר 1898.

ער איז נפטר געווארן דעצעמבער, 1912, אלט זייענדיק פינף און זיבעציק יאר. צו זיין לוויה זיינען געווען אפשר צוואנציק טויזנט מענטשן. ער איז דער זיידע פון ד״ר האמא דעם באוואוסטן תלמיד־חכם און כלל טוער.

## שמואל ווהייט
## פרעגסט ווי איז מיין לעבן

ווען דו קענסט דעם ווינט זיפצין הערן,
ווען דו זעסט די מאטקייט אין די שטערן,
דערהערסט, מיין זופץ מיט מיינע טרערן;
אין די צינויפגעזאמעלטע וואלקענס שווארץ
אין דעם דריבנעם רעגן — מיין שמארץ,
דארט טריפט בלוטיג, מיין צעווייטאגט הארץ...

שוואכער, אן עושר אדער אן ארעמאן, אבער ניט צי ער וועט זיין א צדיק אדער א רשע. (נדה ט״ז, מהרש״א) וואס וויל זאגן, אז די איינגעבוירענע אייגנשאפטן פון מענטש ווערן קיינמאל ניט פארענדערט אין יעדע אונטערנעמונג דערשיינען זיי מיט וויטאלער קראפט, אבער זייער נאטור איז ניט גוט און ניט שלעכט, דעריבער איז דער מענטש פריי און פעיק צו באנוצן זיי פאר זיינע גוטע מעשים און פאר זיינע שלעכטע מעשים. אזוי ווי דער מענטש האט א פרייע בחירה צו געברויכן זיין קריגשאפט אדער נארישקייט, שטארקייט אדער שוואכקייט, רייכקייט אדער ארעמקייט צום גוטן אדער שלעכט, אזוי איז ער פריי צו באנוצן זיין עקשנות, כעס און חשק צום גוטן אדער שלעכטן.

מיט דעם אויסלייג פון בחירה אטריבוט דארף מען אויסטייטשן די פסוקים וועגן די עקשנות פון פרעה, וואס ווייזט זיך טאקי אויך ארויס פון די ערשט פארצייכענונג אין תורת משה וועגן דעם ענין. — „ואני ידעתי כי אל יתן אתכם מלך מצרים להלך ולא ביד חזקה״: איך ווייס אז דער מלך פון מצרים וועט אייך ניט לאזן גיין סיידן דורך א שטארקע האנט. „ושלחתי את ידי והכיתי את מצרים בכל נפלאתי אשר אעשה בקרבו ואחרי כן ישלח אתכם״: וועל איך אויסשטרעקן מיין האנט, איך וועל שלאגן מצרים מיט אלע מיינע וואונדער און דערנאך וועט ער אייך ארויסלאזן. (שמות ג״א) דער „היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם״: פארעמער פון די מענטשנהערצער גלייך, פארשטייט דעם ארויסקום פון אלע זייערע מעשים. (תהלים ל״ג לויט ראש השנה ט״ז) זעענדיק דעם שקלאפן סיסטעם פון פרעה האט ער פארויסגעוווסט אז פרעה וועט באנוצן זיין איינגעבוירענע עקשנות צום שלעכטן. ער וועט ניט לאזן פריי די בני ישראל צוואנג־ארבעטער ביז דאס גאנצע לאנד וועט געשלאגן ווערן און די מצריים וועלן אים צווינגען דאס צו טוען.

מחמת דעם טאקע, וואס עקשנות איז איינע פון די איינגעבוירענע אייגנשאפטן אדער דעטערמינירטע פון דער נאטור, איז די פעולה פון דרייצן מאל פארצייכענט אין תורת משה וועגן פרעה׳ס עקשנות, פארטיילט אין צוויי פאזען אדער איינע פון אנדערן אומאפהענגיקע טעטיקייט. — „ויחזק יי את לב פרעה ולא אבה לשלחם״: גאט האט פארהארטעוועט דאס הארץ פון פרעה און פרעה האט זיי ניט געוואלט פריי לאזן. (שמות י׳) אזוי אויך די איבעריקע. וואס וויל זאגן — פרעה׳ס איינגעשפארטקייט איז פון הימל פעסטער און הארטער געווארן, ווי די נאטור איז אז מען שטרעבט זער שטארק עפעס דורכצופירן. אבער זיין באנוצן די שטרעבונג צום שלעכטן — ניט ארויסצולאזן די בני ישראל פון בית עבדים — איז געוועזן פרעה׳ס אייגענער ווילן.

געשיכטע איבער חזרט זיך, מדינת ישראל דארף קעמפן קעגן א נייעם איינגעעקשנטן פרעה. די צונויף געקליבענע פון קריסטלעכער אונטערדריקונג און איבערגעבליבענע פון דייטשן גיהנם האבן געוואלט מיט צדקה געלט און מיט שווערע ארבעט צוריק קויפן זייער צוגערויבט לאנד, כדי דארט צו געפינען מנוחה פון זייערע באצווינגער. איז אויפגעשטאנען דער אוזורפאטאר נאסער און געשווארן צו שטיפן זיי אין ים אריין. אנשטאט צו לעבן אין שלום מיט



מדינת ישראל און ברענגען וווילשטאנד צו זיין פאלק, האט ער אנגערייצט די ארומיקע פעלקער או ווי א הארדע ווילדע חיות האבן זיי איר ארומגערינגעלט צו פארצוקן. אבער אויך אויף אים האט שוין מיט צוויי און דרייפירטל טויזנט יאר צוריק איינער פון אונזערע נביאים נביאות געזאגט. — „כימי ארץ מצרים אראנו נפלאות״: ווי אין די טעג פון דיין ארויסגיין פון לאנד מצרים וועל איך אים וואונדער ווייזן. פעלקער וועלן זען און זיך שעמען מיט אל זייער גבורה... (מיכה ז׳)

## דוד בערמאן

### פאר א געפאלענעם העלד

יונג ביסטו געוועזן,
צו יונג צו שטארבן,
מיט דיין יונג, טייער לעבן
אונזער לאנד צו מאכן ארבן.

מען הערט דוד׳ס תהלים
אין הייליקער ירושלים —
דוד המלך׳ס כנור וויינט
ביי כותל־מערבי היינט.

## ה. פאצאנאווסקי

### איך זיפץ אין דער שטיל

איך ליג ביינאכט
און גיס מיט טרערן,
איך זיפץ אין דער שטיל,
קיינער זאל נישט הערן.

גרויס איז מיין ווייטאק,
מיר איז ווי און ווינד,
פארלוירן האב איך
מיין איינציק קינד.

זיבעצן יאר אלט
וואלט ער יעצט געוועזן —
געזאגט „שלום, מאמע!״
און מער אים נישט געזען!

זיינע שוועסטער און ברידער,
אלע בייאנאנד,
פארטיידיקן געגאנגען
אונזער הייליק לאנד.

האט די הימלישע יוסטיץ אים געוואלט אנקלאגן, אבער דער אלמעכטיקער
האט איינגעזען אז ער האט זיך איינגעשטעלט פארן פאלק ישראל איז דער
משפט אפגעווארפן געווארן. (שמות רבה פ"ה־כ"ז)

מחמת דעם, וואס אן ארויפגעצווינגע עקשנות אויף פרעה איז אין
קאנטראדיקציע מיט דעם יידישן וועלט באנעם וועגן מענטשס פרייע בחירה
און די אידיי פון א פארמעסט צווישן אלמעכטיקן און פרעה זעט בכלל אויס
צו זיין אן אבסורד, איז נויטיק זיך מער צו פארטיפן אין דעם גאנצן פראבלעם
כדי בעסער צו באגרייפן די פסוקים אין תורת משה וועגן די עקשנות פון
פרעה. מען וועט דעריבער צוערשט טראכטן פעסטצושטעלן — צי די טעאריע,
אז יעדער מענטש האט א פרייע וואל, איז לאגיש אויסגעהאלטן און קאן פאק־
טיש באוויזן ווערן, ניט קוקנדיק וואס א טייל פארשער האלטן אז אלע מעשים
פון די מענטשנקינדער זענען עפעקטן פון פריערדיקע סיבות, ניט קיין פרייער
אויסוואל פון זייער שכלדיקן מוח, נאר א בלינדער ארויסקום פון פארגאנגענע
געשעענישן.

דער היסטארישער אמת איז — אז זינט די פארפאסונג פון פרימיטיווסטן
קאדעקס ביז צו דער מאדערנער געזעצגעבונג האט די געזעלשאפטלעכע צו־
זאמענלעבונג געמאכט דעם מענטש פאראנטווארטלעך פאר זיינע מעשים. די
שטראפן אין דעמאקראטישע לענדער זענען מילדער געווארן, מען באהאנדלט
די פארברעכער מענטשלעכער, די ריכטער נעמען אין באטראכט די ארומיקע
אומשטאנדן און דעם מענטשס צושטאנד בעתן באגיין דעם פארברעכן, אבער
דער פארברעכער ווערט געמשפט, פאר זיינע מעשים. פשוט דערפאר וואס
אויב דער גייסטיק געזונטער יחיד זאל האבן א תירוץ, אז הימלישע דעטער־
מינאציע אדער איינגעבוירענע נייגונגען זענען די שולדיקע פון זיין אויפפירונג
וועט דערפון קומען א געזעלשאפטלעכע אנארכיע, ניט א געזעלשאפטלעכע
צוזאמענלעבונג. דאס זעט אויס צו האבן געווען דער לאגישער אויספיר פון
די פרימיטיווע געזעץ־פארפאסער און איז אויך ביז איצט.

און דעם פאקטישן באווייז, אז יעדער מענטש האט א פרייע בחירה — איז
פעיק צו טוען וואס ער וויל, זעט מען אין דעם אופן פון זיין טעכנישער אנט־
וויקלונג. דער פרימיטיווער מענטש האט ניט אויסגעפונען, זעלבסט צו מאכן
פייער, ווייל ס׳איז אים געווען קאלט אדער ער האט ניט גוט פארדייעט רויע
שפייז, נאר אין זיין פרייוויליקע זוכעניש צו באהערשן די נאטור האט ער
אנטדעקט פלינט אדער פייערשטיינער און צוגעטראכט א מעכאניזם אז די
פונקן פון די שטיינער זאלן אנצינדן ברען־מאטעריאל. אזוי האט ער מיט
אבסערווירן די נאטור געשאפן דאס ראד, וואס איז דער באזיס פון יעדע מע־
כאנישע באוועגונג ביזן היינטיקן טאג.

די פרייוויליקייט פון מענטש צו באהערשן די נאטור זעט מען נאך קלארער
פון זיין איבערגאנג פון שפייזן זיך מיט ווילד וואקסנדיקע פרוכטן צו זעלבסט
פראדוצירן זיין טעגלעך ברויט. באמערקנדיק אז ארום די טייכן און אין גע־
גענטן ווו זיי גיסן זיך איבער איז די ערד פרוכטיק, האט ער גענומען נאכטוען



די נאטור — גראבן קאנאלן פאר קינסטלעכע איריגאציע אדער באוואסערונג
פון פעלדער, כדי צו פארזארגן זיך מיט עסן. פארשטייט זיך די מלאכה פון
ערד ארבעט האט דעם מענטשנמין פארהיטן פון פארשווינדונג, אזוי ווי אנדערע
מינים פארצייטישע חיות זענען פארטיליקט געווארן פון הונגער. אבער אנ־
צונעמען אז די סיבה פון מענטשס איבערגאנג צו פראדוצירן שפייז איז געווען
די מורא פאר הונגער וועט זיין טעותדיק, ווען עס האט געדויערט טויזנטער
יארן ביז די מלאכה פון לאנדווירטשאפט האט זיך פארשפרייט איבער די
וועלט.

די סיבה פון דער פאמעלעכקייט איז טאקע געווען דאס וואס יעדער יחיד
האט א פרייע בחירה. נאך דעם ווי דער מענטש האט, אין זיין שטרעבן צו
באהערשן די נאטור, אויסגעפונען דעם קולטיווירן סיסטעם אדער די מלאכה
צו באארבעטן די ערד, וואס איז געווען א נייער שטייגער פון געזעלשאפט־
לעכן צוזאמענלעבן, האט יעדער יחיד אדער יעדער הויפט פון א משפחה
געדארפט אומעטום באשליסן צי ער זאל פארענדערן זיין טראדיציאנעלן ציגיי־
נער אדער פאסטוך לעבן אויף א ישובדיקן. און ווי די געשיכטע זאגט עדות
זענען דורות לאנג פארגעקומען מלחמות וועגן דעם נייעם סיסטעם צווישן
וואנדערדיקע פאסטוכער און לאנדבאזיצער. אחוץ דעם איז דער מענטש פעיק
צו באטראכטן קריטיש זיין ארבעט און כסדר פארבעסערן די פעלערן, וואס
אלע אנדערע חיות זענען ניט פעיק צו טוען ווייל זיי האבן ניט קיין פרייע
בחירה. די היינטיקע קאץ כאפט מייז פונקט אזוי ווי די קאץ פון פרעה
מלך מצרים.

דאס איז דער שטיץ־פונקט פון יידישן וועלט באנעם, יעדער מענטש
ווערט געבארן מיט אייגנארטיקע אינסטינקטן אדער אימפולסן אזוי ווי יעדע
חיה, ער נעמט זיי איבער בירושה פון זיין מין פאלק און משפחה. אבער ער
איז אנדערש פון יעדע חיה דערמיט וואס ער האט אויך אן איינגעבוירענע
פעיקייט צו באהערשן און קערעווען זיי אזוי ווי ער וויל. דער נביא ירמיה
דערקלערט — „כה אמר יי אל יתהלל חכם בחכמתו... גבור בגבורתו...
עשיר בעשרו": אזוי האט גאט געזאגט, זאל זיך ניט בארימען דער חכם מיט
זיין קליגשאפט, דער גבור מיט זיין שטארקייט און דער עושר מיט זיין רייכ־
קייט, „כי אם בזאת יתהלל התהלל, השכל וידע אותי כי אני יי עשה חסד,
משפט וצדקה בארץ, כי באלהי חפצתי נאם יי": נאר דערמיט זאל זיך דער
בארימער רימען, אז ער פארשטייט און ווייס־איך גאט טו חסד, משפט און
צדקה אויף דער ערד, ווייל מיין באגער איז — אז די זאכן זאל געטוען ווערן.
(ירמיה ט׳) דאס הייסט: מיט די איינגעבוירענע טאלענטן זאל מען זיך ניט
בארימען, ווייל אלע חיות האבן איינגעבוירענע טאלענטן, בארימען זאל זיך
דער בארימער אויב ער טוט גוטס מיט זיינע טאלענטן.

נאך קלארער איז דער ענין פון פירוש אין דער גמרא — אין דעם מאמענט
ווען א פרוי ווערט באפרוכפערט ווערן אלע אייגנשאפטן פון באשעפעניש
פעסטגעשטעלט, צי ער וועט זיין א קליגער אדער א נאר, א שטארקער אדער א

כאפן זיך די קינדער דערשראקן אויף,
די מאמעס פארחלשטע שיר,
פאלן ארויף אויף זיי — — זיי דערזעען,
אליהו׳ן שטיין אין דער טיר.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### די עקשנות פון פרעה

דער יום טוב פסח ווערט געפייערט צום אנדענקן פון ברעכן די עקשנות פון פרעה. לערך דריי מיט א האלבן טויזנט יאר צוריק זענען די בני ישראל — די שטאמפאטערס פון יידישן פאלק — געווען צוואנג־ארבעטער פון פרעה אין לאנד מצרים. איז משה געקומען צו פרעה און האט אין נאמען פון ישראל׳ס אלמעכטיקן פארלאנגט, ער זאל זיי ארויסלאזן פון דעת קנעכט־הויז. פרעה האט זיך איינגעשפארט און אפילו ניט געוואלט דערלויבן, אז די בני ישראל זאלן פארלאזן זיין לאנד צו גיין דינען זייער גאט אין דער מדבר דריי טעג. ערשט ווען די מצריים זענען געשלאגן געווארן מיט צען מכות האבן זיי געצווינגען פרעה׳ן צו ברעכן זיין עקשנות און דערלויבן די בני ישראל ארויסצוגיין פון לאנד מצרים.

דער ענין אין תורת משה וועגן פרעה׳ס עקשנות איז איינער פון די קאמפליצירטע דילעמעס. לויט דעם וועלט־באנעם פון תנ״ך האט יעדער מענטש א פרייע בחירה — ער קאן טוען וואס ער וויל. דערפאר איז ער פאראנטווארט־לעך און ווערט געמשפט פאר אלע זיינע מעשים. אבער אזוי ווי וועגן פרעה ווערט געזאגט אין תורת משה — „ואני אקשה את לב פרעה“: איך וועל פאר־הארטעווען דאס הארץ פון פרעה, אדער — „ויחזק יי את לב פרעה“: פאר־עקשנט האט גאט דאס הארץ פון פרעה. (שמות ז׳, ט׳) דאס הייסט — פרעה האט ניט קיין ברירה, ווייל זיין איינגעשפארטקייט ניט ארויסצולאזן די בני ישראל פון מצרישן בית עבדים איז פארשטארקט געווארן פון הימל, טא פאר־וואס זענען די מצריים געשלאגן געווארן מיט די צען מכות?

נאך מער פאראדאקס איז דער ענין־וועגן די עקשנות פון פרעה, דאס וואס פון עטלעכע באטאנונגען אין תורת משה זעט זיך ארויס — אז דער אל־מעכטיקער זאל האבן בכיוון פארהארטעוועט פרעהאס איינגעשפארטקייט און זיך פארמאסטן קעגן אים, כדי צו ווייזן אז ער איז שטא־קער פון אים. דער אלמעכטיקער זאל האבן געזאגט צו משה — ווען ער איז דאס ערשטע מאל געשיקט געווארן צו פרעה — „ראה כל המופתים אשר שמתי בידך ועשיתם לפני פרעה ואני אחזק את לבו ולא ישלח את העם“: זע איך האב אין דיין האנט געגעבן די אלע וואונדער צו טוען פאר פרעה און איך וועל הארט מאכן זיין הארץ ער זאל ניט ארויסשיקן דאס פאלק. (שמות ד׳)

דער אלטער פאלקלאר האט אויף דעם פאראדאקס, וועגן פרעה׳ס עקשנות, געשאפן א פארביטערטן דיאלאג. ווי מען ווייס האבן די פארקנעכטעטע בני ישראל געהאפט אויף א משיח וואס וועט זיי אויסלייזן פון מצרישן בית עבדים.



ווען משה איז געקומען און זיי געוויזן דעם טשעמאדאן מיט אותות ומופתים האבן זיי געגלייבט אז ער איז דער דערוואַרטעטער משיח. אבער אז פרעה האט נאכן באזוך פון משה פארשווערט די ארבעטס באדינגונגען פון די בני ישראל — זיי האבן זעלבסט געמוזט צונויף זאמלען שטרוי אין די פעלדער אריינצוטוען אין ליים, וואס זיי האבן געקנעטן, און ליווערן די זעלבע צאל ציגל ווי פריער, ווען מען האט זיי געגעבן שטרוי — זענען זיי אנטוישט גע־ווארן און אנגענומען אז משה איז אן אוואנטוריסט, ניט דער משיח אויף וועלכן זיי האבן ארויסגעקוקט.

האבן די ישראלשע שוטרים, וואס זענען געווען פאראנטווארטלעך צו פרעה פאר דער געטוענע ארבעט פון די בני ישראל שקלאפן, געזאגט צו משה און אהרן — „ירא יי עליכם וישפט“: גאט זאל בליקן אויף אייך, זען וואס איר האט געטוען, און משפטן. די מצריים האבן געוווסט אז מיר האפן אויף א משיח און עס האט זיי ניט געקימערט, אבער זינט איר זייט געקומען האט איר מיט אייער עפטלעכע פאדערונג צו פרעה געגעבן אין זייערע הענט א שווערד צו דערהרגנען אונז. מיר זענען גלייך צו א שעפעלע וואס א וואלף האט עס נאכגעיאגט און דער פאסטוך איז נאכגעלאפן דעם וואלף צו רעטן עס, דער־ווייל איז דאס שעפעלע פון דעם געיעג צווישן וואלף און פאסטוך געפגרט פון לויפן, אזוי ווערן מיר געהרגט אין אייער געראנגל מיט פרעה. (שמות רבה פ״ה־כ״ה)

צווישן די מעשה׳ס, וואס זיי האבן דערציילט, וועגן די נייע אכזוריותדיקע באהאנדלונג איז די ווייטער ציטירטע. — „א געוויסע רחל, אן אייניקל פון תושלה, האט זייענדיק מעוברת געמוזט העלפן איר מאן אין דער ארבעט, כדי ער זאל קאנען אויסקנעטן די טעגלעך פעסטגעשטעלטע צאל ציגל, טרעטנדיק אין ליים מיט אירע פיס האט זי מפיל געווען און דאס קינד איז געווארן איינגעבאקן אין א ציגל, האט אראפגענידערט מלאך מיכאל און ארויפגענומען דעם ציגל מיט דאס קינד צום כסא הכבוד. (ילקוט שמעוני שמות סימן קע״ו) אז משה האט געהערט די געשיכטע וועגן דעם פארציגלטן קינד איז זיין גאנ־צער וועזן געקומען אין אויפשטאנד, ער האט פלוצים דערזען אז זיינע ברידער די בני ישראל זענען פיגורלעך — פיאנען אין דעם שאכשפיל צווישן אל־מעכטיקן און פרעה.

האט ער געזאגט צום אלמעכטיקן — „ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך“: זינט איך בין געקומען צו פרעה רעדן אין זיין נאמען, „הרע לעם הזה והצל לא הצלת את עמך“: באהאנדעלט ער נאך שלעכטער דאס פאלק און דו האסט גאר ניט געטוען צו באשירעמען דיין פאלק. (שמות ו׳) קאמענטירט דער מדרש אין נאמען פון רבי עקיבא, אז משה זאל האבן געזאגט צום אלמעכ־טיקן — „יודע אני שאתה עתיד להצילם“: איך ווייס אז דו ביסט שטארקער פון פרעה, דו וועסט אים שלאגן און זיי מציל זיין, „אלא מה איכפת לך באותן הנתונים תחת הבנין“: אבער כדי צו ווייזן דיינע אותות ומופתים קימערט דיך ניט וואס דערווייל ווערן זייערע קינדער איינגעמויערט אין דעם בנין.

טא וויאזוי נאך „שפוך חמתך“,
בשעתן עפענען לכבוד דיר די טיר?
ענטפערן טאקע אויף דעם תיק״ו,
מוז שוין אפשר משיח קומען פריר?“

## 19'טער אפריל 1968

נישט רויטע רויזן, נישט ווייסע נעלקן,
וואס פערוויאנען, ווייעדיק פארוועלקן;
אויף בייטן געריסן טוי־באטויטע,
צו לייגן זיי אויף קברים פון טויטע.

אז וואס זיינען דען די שענסטע בלומען,
פאר די גרויליק אזוי אומגעקומען?
און זיינען דען קברים פאראנען,
מצבות זייערע נעמען דערמאנען?

די ציוויליזירטע האטנטאטן
זייער פעץ אין זייף־קעסלען געזאטן;
מיסט אויף בייטן, צעאקערט צעזייטע,
זייערע אשעס שטויביק צעשפרייטע.

נישט רויטע רויז, נישט ווייסע נעלקן,
וואס פערוויאנען, פארזשאווערט פארוועלקן — —
ווער ווייסט ווו די ברידער־קברים זענען,
אז מ'זאל זיי אהינטראגן קענען?

געריסן ווערטער־בלוטיקע ווונדן!
און אין א רויטן קראנץ זיי געבונדן;
ווערטער פלאמען און פייער געזאנגען,
ווי זיי וואס אין פלאמען אויפגעגאנגען.

הערצער צאפלדיק — קריע־געריסן!
דעם טוי איבער זיי די אויגן גיסן;
ווערטער, ווייס־פארביסענע וואס שווייגן — — —
בלויז ווו איצט דעם קראנץ אנידערלייגן?

נישט רויטע רויזן, נישט ווייסע נעלקן,
און נישט ווערטער וואס וויינענדיק וועלקן —
א קראנץ צום דענקמאל שטאלץ כ'האב געטראגן,
און הייאר דאס קוים בלייבט מיר צו זאגן:

אויסגעקוילעט, לעצטן ייד פארטרייבן,
צומאלט קיין שטיין אונז נישט איבערבלייבן,



א מאנומענט די נעמען צו קריצן,
פון די אלע טרעבלינקעס, אוישוויצן.

זאל מען אונז כאטש די שטייניקע כותל,
פאר א קוויטל, פאר א ווארט — אן אותל!
ארייינצושטופן אין די פאלטן שפאלטן — —
זאל מען דאך כאטש די כותל באהאלטן!

## אזא פסח - באלאדע הייאר

די הגדה עלטער און צעקנייטשטער,
פון וויין און וויינען באפלעקט;
די באבע נאך אויסגעגנייט, ווונדערלעך,
טישטעכל, וואס מצות באדעקט.

ווי ספינקלט דער וויין פון דער קארפינקע,
אויף קערה אלץ ריכטיק צעשטעלט;
ס'דערקענט יעדער פון זיי זיין כוסהלע,
דורך די לייבער טרעשטשעט א קעלט.

יעדער פון זיי געדענקט עפעס אנדערש,
איינער אז די קשיות געפרעגט,
צווייטער ווי די טיר צו „שפוך חמתך“,
אויפעפנט און ווארט אויפגערעגט,

דריטער דעם „אפיקומן“ געגנבעט,
און נישט צוריקגעגעבן ביז —
באקומען ער האט פון פאטער דעמלט,
א פולע קעשענע מיט ניס.

ארום די פיר זין זייערע פרויען,
זיצן ווארטנדיקע ארום,
און די קינדער — אויגן אויפגעריסן,
גאפנדיק ווונדערלעך און שטום.

עלטסטער ברידער קאן נאך הגדה־זאגן,
ייִנגסטער די קשיות נאך געדענקט,
און דער וואס געגנבעט „אפיקומן“,
זיינע שאקן ניסן קריגט געשענקט.

נאר דער וואס עפנט ביי „שפוך־חמתך“,
ברעכט אויס אין א ביטער״ געוויין — —
די אנדערע קוקן צו די קינדער
און האלטן זיך אויך נאך קוים איין.

דאס שטעטל נתניה, קרית־בעלז,
די ישובים, די קבוצים ארום — —
„וראי בטוב ירושלים״ ?
אויף מינדסטן שטעטל גיי געפֿון א מום :

שבת דאס שפאצירן — קינד און קייט !
גאנצע וואך די ארבעט — א בינען־שטאק ! !
קוים פינף טעג געווען אין שטעטל,
פאר מיין בליק וואקסט פרישער בלאק שטאק אויף שטאק.

2

עולה־רגל מרגל,
על רגל אחת טוריסט ?
דיין הארץ גייט אויף פון גרויס פרייד,
וואס דו זאלסט נישט זיין און ביזט !

יעדער צווייטער א נס דא,
פון פייער־אויוון ארויס !
בלייבסט שטיין ווי פאר דער כותל,
פאר יעדן געבויטן הויז.

רחוב ארטור זיגלבוים

מיט דיין ברודער פייוול גיי איך אויף דיין גאס, ארטור,
אוי, ווי מיר זיינען שטאלץ אזוי אויף דיין לעבן :
זע, א קבוץ־גלותל דא און אלע ווייסן,
דו האסט עס פאר די יידן אוועקגעגעבן.

שפילט זיך א תימן־קינד, א מאראקע סאברעלע,
און א טונקלע מוטער טוט איר צווילינג אנזייגן — —
און אלע ווייסן וואס געשען און וואס דו געטון,
אז די וועלט זאל עס וויסן און נישט פארשווייגן.

(פאר מיין ברודערס זון הרב יונה שטנצל שליט״א)

ביי דיין טיש

מ׳האט מתקן געווען דעם סכון
ביים בענטשן אונטער טישטוך באהאלטן —
א ייד צוקומענדיק צו „ארץ חמדה״,
און פון גרויס צער, נישט אויסצוהאלטן :

„פון אונזער לאנד וואס איז געווארן״ !
און ס׳מעסער אין זיך אריינגעשטאכן — —
דיין זמירות געזאנג : „ארץ־חמדה״
ביים טיש איצט אין פראסטן אין דער וואכן — —





טויזנטער יארן ירושלים זיך געבויט,
תל־אביב קוים א האלב־יאר־הונדערט ;
און ווער נאר ס׳קומט אהער, פון יעדן עק־וועלט,
„קליין פאריז״ ! פון יעדן באוואונדערט.

א יידישע שטאט פון יידישע הענט אויפגעבויט,
ווי זי שטעכט די שונאים אין די אויגן !
זי צו באוואונדערן, טאג און נאכט דער ים,
מיט מיליאנען כוואליעס קומט אנגעצויגן.

* * *

אז פאר אונזער איינעם לאנדאן לוד,
נאך חצות נאך דא, און דארט שוין אין דער פרי,
פאר אליהו׳ן פאלג מיך א גאנג,
איבער דער וועלט — ויא לאנדאן — א פלי !
ביי „שפוך חמתך״ מ׳עפנט די טיר,
פונקטלעך צו דער רגע, ר׳איז דא, ר׳איז הי.

הייאר, פונקט אזוי ווי אלע יאר,
אין מיין שטובל, מסתם, ר׳וועט אויך אריין,
אבער, שטאטס פון עלענאווי־כוס,
מיט שפיץ־צונג קוים א לעקעלע וויין,
וועט ער מיין גאנצע שטוב, ווי א כוס,
פול מאכן מיט זיין געהאריש געוויין :

„לשנה הבאה בירושלים — —
דו ביזט דאך אקארשט איצט דארטן געווען,
און נישט געבליבן, צוריקגעקומען — —
איז עס ווייל וואס געשען, ווידער געשען ?
ס׳איז דער „יתי ולא אחמיניה״ —
דאס וואס גייט קומען און דיין אויג ווילן נישט זען ?״

ר׳זאל נאר אין מיין שטוב אריינקומען,
עבדים היינו־תירוץ כ׳האלט גרייט :
א פאלק וואס איז ווי שטויבעלעך זאמד,
איבער גארער וועלט געווארן צעשפרייט,
בלייבט שוין דא און דארט א זעמדעלע,
ווי מ׳זאמלט זיך — א שטויבעלע פארווייט . . .

אבער נאך עפעס, נעבן ביי בלויז :
אויב ככל הגוים זיין זאלן אויך מיר,

## „מי זאת עולה מן המדבר"

א.

„צו זיין ווי דער זאמד ביים ברעג פון ים"
וואסער ברכה וואלט דאס געווען ?
אז א סך מער פון אונז פארטיליקט !
אבער אז דעם זאמד דא דערזען.

ווי ער ציט זיך דער וויסטער מדבר,
ווי זיילן־רויך, ווי אש צעשטויבט — —
ערשט פערשטאנען כ'האב יענע ברכה,
אין איר מקוים ווערן געגלויבט —

ב.

אם־ירצה־השם, אז די יידן,
צוריקקערן אין לאנד אריין,
אויף די ווונדערלעכע שיינע בערג,
נישט ליגן דעמלט קיין איין שטיין —

פון די וויסטע און ווילדע שטיינער,
הייזער וועלן אויפגעבויט זיין,
און פונם זאמד גאנצע צעמענט־באקס
ליכטיקע אין זון וועלן שטיין.

ג.

און יעדעס הארץ וועט זיין,
פול ליבשאפט און פרייד
איינער דערפילן וועט
דעם אנדערס לייד

נישט אין הימ לדי זון —
אין הארץ ס'ליכט אויפגייט,
ווען איינער דעם צווייטן,
דערפילט און פארשטייט.

### מדבר־סיני

כל התורה כולה על רגל אחת,
אז מען האט ליב א חבר אזוי ווי זיך ;
אן די חברשאפט פון די חלוצים,
וואלט זיך דען ישראל אויפגעבויט אזוי גיך ?

אלע מענטשן וועלן דערלייזט ווערן,
אויף מינדסט אייזעלע קומען צו רייטן משיח,
ווען איינער דעם צווייטן וועט ליב האבן — — —
ווי מ'פארגעטערט אייגענעם אנוכי־איך.

### ביים סועץ־קאנאל

ס'שמוציקע וואסערל — —
איך בין געשטאנען דערביי !
געהערט פון צווייטער זייט,
א האן געגעבן א קריי.

נאר פון בײדע זייטן
אצינד דעם בלוטיקן וויי ?
דערפילט פעטראל אין מויל,
און געגעבן בייז א שפיי.



## שטארבנדיקער אייזל

ווען ער צעוויאיעט זיך מיט זיין לעטן וויי,
האלט דער וויסטער מדבר דעם אטעם איין ;
אזא געוויין איז שוין צו קיינעם נישט מער,
אפילו צומאל שוין נישט צו זיך אליין.

פון די טויטן־פליגן צעגריזשעט זיין גוף,
זיין טליענדיק בליק דער זאמד פארשיט ;
א פארשלינעטער שאגאל שארט זיך שטיל צו,
אים אויפרעסנדיק וויינט ער מיט אים מיט.

### צום מיידל מיטן ליידיקן שארבן קרוג אויף קאפ

און אז יעקב צוריק קומען,
אראפקייקלען די שטיינער ער וועט ;
שפרודלען וועלן קלארע קוואלן,
און זיין וועט עסן צו דער זעט.

בישט מורא האבן, ציטערן,
איבער יעטוועד וואסער טראפ ;
בישט א ליידיקער שארבן קרוג —
די גאלדענע זון אויפן קאפ.

### רמת־גולן

און מיין הארץ זיך אפגעשטעלט, ווען דערזען :
די לבנה שטיין אינם טאל פון אילון,
און די זון, ווי אין יהושיע'ס צייט,
שטייט א ליכטיקע צעשטראלטע איבער גבעון.

און נישט נאר כ'הער שפילן די כנרת־וועלן —
אויף דינסטע סטרונעס אלע מיינע געפילן :
די א. ב.־קינדערלעך, אין די דגניה'ס,
אן שרעק, „בלינדע־קי" אויף די ברעגעס שפילן.

### ביים ים המלח

לוט'ס ווייב א פארגליוועכטער שטיק זאלץ,
אפגעקרישלט שוין דער שפיץ נאז ביי איר,
שטייט נאך אלץ קאקעטיש אויסגעדרייט,
מען זאל זי געבן א פאטאגראפיר.

אפענע צייטונג אין בײדע הענט,
זע אויפן ים המלח אן ריר — —
ווי פון אים אין תפילין ביים כותל
פון זיין ווייב איצט — א פאטא־סוווענִיר !

## רעפּאַרטאַזש - מאָנטאַזש אין גראַמען - מיראַזש

* * *

אין דער מערת־השׂואה,
דאָרטן קודם כ׳בין אַרויף;
נאָך איידער ס׳קומט פאַר אויבן,
דער נשמה־ליכטלעך־פאַרקויף.

דעם נאָמען פון מיין שטעטל,
זען צווישן די קדושים־שטעט;
מיט טרערן אין די אויגן,
געליינט זיי ווי אַ געבעט.

בית לחם

מיטן געזאַנג פון „ואני״
צו רחלס קבר כ׳בין געגאַנגען
לייב פיינבערג, אַ זינגענדיקער
שוין צוקאָפּנס דאָרט געשטאַנען

העכער אָבער פונם געזאַנג,
חדר יינגלישן פון אונז ביידע,
געוועזן ס׳געוויין פון אַ מאַמע,
פון אַ העלד אויף דער זיג־עקדה.

איבערן חברון־מאַרק

דער האַסטיקער גאַנג איבערן חברון מאַרק,
אַרויף צו דער מערת־המכפּילה;
ווי דאָס האַרץ קלאַפּט, איך מוז דעם אָטעם כאַפּן,
און שטעל מיך אָפּ אין מיט וועג אויף אַ ווײַלע.

די זון איבערן קאָפּ אין שבת־וואָלקנדל,
קוקט — אַן אַראַבערקע דורך אַ פּאַטשיילע;
כ׳פאַרמאַך די אויגן ווי צו אַ תפילה, כ׳הער,
מיינע ליפּן שעפּטשען: „שומר מה מלילה״.

אין שכם

1

אויפן מאַרק ס׳געבעטשע פון די סטאַדעס,
און פון די שייכן דאָס געכאָרכל;
כ׳שאַר מיך שטיל פון איינעם צום צווייטן,
אויפצוכאַפּן כאָטש אַ מינדסט שאָרכל.

זעען זיי נישט אויס די צוויי דאָרטן,
ווי שמעון ולוי אין איין עצה?
ווען איך קום נענטער צו זיי צו,
דרייט זיך צו מיר אויס אַ בייזע פּלייצע.



2

די ווייבער שמוציק שוואַרץ פאַרהילטע,
די קינדער דאַר־קוואַר, הויט און ביינער;
אַן אַלטע כאָרכלט קללה־שפּרוכן,
מיט ליידיק פינסטער מויל, אַן ציינער —

די שפּחה הגר, אַבֿרהמס קייבס־ווייב,
הויערט צווישן די וויסטע טאָלן!
מיט איר לייב, מיט איר לעצטן אָטעם,
צו באַשיצן איר זון, ישמעאלן.

„על תשלח ידך אל הנער״

פון באר־שבע ביזן הר־המוריה,
וווּ אַבֿרהם יצחקן צו דער עקידה געפירט,
קיין איינציקער פון אונז, דאָ חלילה, געבליבן,
ווען נישט דער נס געוואַלטיק אַזוי פּאַסירט.

די געשליפענע מעסער צווישן די ציין שוין,
די רציחישע פּנימער רויט, צעפלאַמט — —
ווען נישט גאָטס קול: „על תשלח ידך אל הנער״!
זע, ווי טריפה מעסער שטעקט האַרמאַט אין זאַמד.

עזה

נאָך יינגלך, אין קייטעלעך געשלאָסענע,
די אייגעלעך אָבער לויפן ווי די פּיקסלעך,
און די סאָלדאַטן וואָס שטייען אַרום זיי —
יינגלעך, מיט אָנגעלאָדענע עוזי־ביקסלעך.

אַזאַ שפּילן זיך — אַ שפּיל פאַרן טייפל!
וווּהין ס׳קאָן פירן, נאָר שפּיר־הינט דערשמעקן!!
אַ שלום־פאַקל פלאַמיק צעפלאַקערן,
אין אַלע עקן־וועלט אים טראָגן און וועקן.

מדבר

הייבט זיך אויף אַ קעמל־קאָפּ,
מיט זאַמד פאַרמרוזשעטע אויגן,
און פון צווישן די לעפּצן,
קרישלען קרעכצן קרום־צעצויגן:

„אַז וואָסזשע ווילן זיי דאָ?
די הייליקע רו זיי שטערן״.
און לאָזט דעם קאָפּ מיד אַראָפּ,
בערגל זאַמד צוריק צו ווערן.

ד.

זיין פנים געטובלט אין טרערן,
גלעט א ייד דעם שטיין, קושט אים נאכאנאנד.
צווישן די ווייס כ׳פארקוועטש א טרער,
א פארחושטער, צעמישטער — „כ׳טאפ א וואנט“.

כ׳לעבן, פון חבד׳ניק כאטש איצט,
מיר לאזן אפמעסטן תפילין א פאר,
סידור אין האנט און — פאטאגראפיסט
ביים אפאראט א דריק געבן און — גאר.

ה.

אז פון אלע גרויסע פסוקים,
פון אלע נביאישע רייד,
דער חבד״ניק דעמאנט מיך איצט,
יענעם וויץ פון ייד מיט דער קלייט —

ביים וואלווארד וואלקן־קראצער ראג,
א שילדל: „דא דער אריינגאנג“ — —
גאט, און אויף דער מינוט אצינד,
געבענקט, געגארט א לעבן לאנג.

ו.

איז פונקלדיק נאר דער חלום,
גרוילעך אבער בלייבט די וואר?
טאקע מקוים געווארן שוין,
טרוים אלט באלד צוויי טויזנט יאר.

זע, פון דער גאנצער גארער וועלט,
אונזער פאלק ציט איצט אהער — —
זאל דאך אויסגעבחלומטער וואר,
נישט פארלאשן ווערן מער.

ז.

„וד׳ סביב לעמו מעתה ועד עולם“
גאנצן ערד־קיילעך ארומגערינגלט,
גאט אין יעדן מענטשלעכן אויג געוואלט זען,
און ווו נאר א שטיין און וואסער נאר בוים,
א מזבח, א תליה פאר אונז געוועזן.

אבער נאך דעם בלוטיקן וואס געשען,
גאט, פארוואר, מיר קאנען נישט מער, קיין כוח מער — —
רינגל דאך אונז ארום מיט רחמים שוין,
ווי אן אויג ארומגערינגלט פון א טרער.



ח.

„ירושלים הרים סביב לה“,
זע, ס׳טאנצן די בערג ארום א קאראהאד,
אקסל צו אקסל, די קעפ פארווארפן,
אין מיטן ראד — ירושלים די שטאט.

אין אירע צוויי ארעמס, צו ברוסט געדרוקט,
די שני לוחות הברית אויסגעהאקט פון שטיין,
און גאט אליין, א פעלדז א צעשטראלטער,
אין־סוף פארדבקעט, טאנצט אין ראד אריין.

ט.

אין וואלנעם־ווייכן ווייס־שווארץ־געשטרייפטן טלית,
אין דעם לעדער־געגארבטן של־ראש און של־יד,
זעט ער, דער ייד, נישט אויס א בעטשענדיקער באראן --
א קרבן, געבונדן, פונקט אזוי — אקו — ראט.

און ווען ער צעכארכלט זיך, מיטן חת פון אחד,
הויך אויפגעשטרעקט דעם קאפ צו די הימלען ארויף —
א געשאכטענער שוין, דאס דם־התמצית טריפט, טריפט,
צו שפרענגען אין אלע פיר עקן פון אין־סוף?

י.

אונטער וויגעלע שניי־ווייס ציגעלע,
בעטנדיק בעטשנדיק אין מיר מיין ליד;
אן מינדסטן מום ס׳מוז זיין, אן יאך אויף זיך,
צו שפרענגען ס׳בלוט אין אים וואס זידט און בריט —

ווי ס׳ליגט געבונדן אין מיר, ווי ס׳צאפלט!
ווו, וויאזוי אויפברענגען, מקריב זיין,
אז דער מזבח־אבנים — מיין הארץ,
אויף שטויבעלעך שוין צעקרישלטער שטיין.

יא.

אז א טראפ קאן לעכערן א פעלדז,
וועלן דאך די שטיינער פון דער וואנט דא,
מיט אמאל אויפברעכן אין א קוואל,
ווערן א טייך — א תהום אן א דנא!

קאן ווער ציילן די טראפן אין ים,
אזוי די טרערן געשטראמט דא אהער — —
זאל דאך מיינס איבערגיין! וויש איך אויס,
צווישן מיינע ווייס פארקוועטשטע טרער.

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

זונטיק דעם 21׳סטן אפריל קומט פאר די אלגעמיינע גרויס פארזאמלונג לזכרון די ווארשעווער געטא אויפשטאנט אין ראיאל טעאטער ״דורי״ ליין.

די גרויס יום עצמאות פייערונג וועט הייאר זיין אין גרויסן, זונטיק אוונט דעם 28׳סטן אפריל אין אלבערט־האל.

צו דער ערשטער יארצייט פונם פאעט מאקס הערשמאן, וואס פאלט אויס דעם חודש האט מען אויפגעשטעלט די מצבה.

מרים לעווי, די אלמנה פון פאעט יוסף הלל לעוו, איז עולה רגל אויפן פסח יום־טוב און חג העצמאות קיין ישראל.

ביי דער ביכער וואך איינגעארדנט פון יידישן וועלט קאנגרעס הלל־הויז און א.א. האט דר. מאיר גערטנער, דער פארזיצער פונם קולטור־דעפארטמענט ביים יידישן וועלט־קאנגרעס גערעדט איבער די יידישע און העברעאישע ליטעראטור — „די יידישע ירושה פונם עטא״ און דער גוט באקאנטער אקטיאר און רעציטאטאר יוליאן גאלד האט רעציטירט פון דער יידישער דיכטונג. פאר־זיצער פראפ. וועבער.

די פאעטעסע עלא זילבערג צוריק קו־מענדיק פון איר נסיעה אין ישראל האט גערעדט ביי די שבת נאכמיטאג איבער אירע איינדרוקן אין ישראל.

מנשה ווייסגראז איינער פון די מיט־גרונדער פון „פריינט פון יידיש לשון״ ווערט דעם חודש א בן שמונים, מ״ר ווינטשן אים, מיט זיין פריי נאך א סך געזונטע און גוטע יארן.

ווי אלע יאר האט מען ביי די יידישע שבת נאכמיטאגס אנגעמערקט די יארצייטן וואס פאלן אויס דעם חודש פון י. ה. לעווי, ס. פאלמע, קייטי בראון. מ׳האט געליינט פון זייערע שאפונגען. צווישן די לייענער זיינען געווען דאס באקאנטע אקטיארן פאר טעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד, איבערן שאפן פון לעווי האט גערעדט י. א. ליסקי.

ביי די לעבעדיקע צייטונג איינגעארדנט פון שרייבער־פעראיין און יידישן וועלט קאנגרעס האבן גערעדט, זאנטאג איבער זשורנאליסטן קאנגרעס אין ישראל, גאלד־שמידט — 50 יאר דאס הבימה־טעאטער, שטענצל — ירושלים, די כותל מערבי דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל.

זונטיק, דעם 28סטן אפריל, 2 א זייגער, אין אדלער האל דער ווארשעווער יזכור־אוונט איינגעארדנט פון פריינט פון יידיש לשון, דער בונט און דער רידינג־רום. ס׳וועלן זיך באטייליקן דער באקאנטער אק־טיאר לעאן בלומענזאן, נעט רובין, מאיר באגדאנסקי א.א.

צום פינף און צוואנציקסטן יארטאג פונם ווארשעווער געטא אויפשטאנד ארדנט איין א קרייז פון פוילישע געוועזענע אונטער־גרונט־קעמפער אן אוונט לזכרון אונטערן נאמען „דער איז אויך פון מיין פאטערלאנד״. מיטן באטייליקן פון מיכאל בארוויטש.

מיט באדויערן דערוויסן מיר זיך, אז היגע פארשטייער פונם פוילישן קאמוניס־טישן רעזשים האבן לעצטנס באקומען אינסטרוקציעס צוצוקומען צו דער פוילישער עמיגראציע אויף דער אנטיסעמיטישער ליניע . . .

מיטוואך דעם 29סטן פעברואר האט ד״ר יעקב מייטליס געהאלטן א רעפעראט אינם אינסטיטוט פאר יידישע וויסנשאפטן ביים לאנדאנער „יוניווערסיטי קאלעדזש״ אויף דער טעמע „דער כתב יד פון אנשל לוי, די רקים, און זיין באטייט״. דאס איז א גרעסערע פארש־ארבעט, וואס ער גרייט צו פאר דער אקאדעמיע ביי דער ירושלימער אוניווערזיטעט.

דעם פארזיץ האט געפירט פראפ. ז. שטיין.

דער בעל־בית פון יידישן טעאטער, גרענד־פאלעי, איז דעם חודש נפטר געווארן, ער האט דאס טעאטער אנגעפירט איבער 40 יאר מיר דרוקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו די זון און דעם ברודער פונם נפטר.

דאנערשטיק, דעם 30׳סטן מאי וועלן דאס גוט באקאנטע אקטיאר־פארלסעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד אויפטרעטן אין קווינס האל אין א פראגראם: זיסע ראזשינקעס.

ביים שבת לכבוד פורים האט דעם רעפעראט געהאלטן ח. נ. בענקוויטש און רעציטיר דאס באקאנטע אקטיארן פאר סעם גאלד־בערג און עלען ווינאגראד, געזינגען מאיר באגדאנסקי.

די יידישע קולטור־געזעלשאפט ארדנט איין א נאכמיטאג פון הומאר געלעכטער עס באטייליקן זיך מיט רעדעס דר. מאיר גערטנער, י. ח. קלינגער דער באקאנטער אקטיאר יוליאן גאלד. פארזיצער יצחק יעזיערסקי — זינטיק דעם 28׳טן אפריל.

° ° °


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4־3 (העפט 6־434) ניין און צוואנציקסטן יאר פעב.־אפר. 1968 לאנדאן


## על רגל־אחת

די כותל־מערבי

א.

יהודה הלוי האט עס גאר לייכט געהאט,
א וואנדער־שטעקן און געלאזן זיך גיין;
גאט איז אים אקעגנגעגאנגען, און ער אים
אקעגנטראגט דאס הארץ — א לאגל געוויין.

אז איך זאל נעמען מעסטן אונזערע קברים,
אלעביימער פון דער ערד נישט גענוג זיין!
ווי אזוי מיין אויג א טרערן קוואל? אז מיין הארץ,
נישט קיין פעלדז — א וואגלדיק קיזלשטיין.

ב.

דער ווילנער גאון אין מיטן וועג,
דעם דישעל צוריק אויסגעדרייט;
דער בעל־שם, הינטער סטאמבול שוין,
פאטשיילע אויף ים אויסשפרייט.

קיין מעזשיבוזש אהיים געשפרייזט.
איך מישטיינסגעזאגט, מי אני?
כאטש פון „אל־על״ אראפשפרינגען,
א פארכמארעטער, מיטן פלי.

ג.

אהערגעקומען איך בין נישט לידער צו שרייבן,
ווער ברויך מיינע שירים אין דוד המלך׳ס לאנד?
גענוג אין זיין תהילימל פאלן זאל נאך א טרער!
איך שטיי דא אצינד אנצורירן די כותל־וואנט —

מיין האנט אויפצוהייבן און צו שווערן: נאר דאס בלויז,
וואס הארץ ערלעך דערפילט און דערטראכט מיט מיין פארשטאנד,
נאר דאס בלויז מיט יידישע אותיות אויפשרייבן — —
אויב נישט אפגענומען מיין רעכטע און מיין לינקע האנט.